# רבי חנינא בן דוסא דער ארימסטער - תנא פון זיין צייט

רבי חנינא בן דוסא, פון זיין שטעטעל פלעגט ר׳ חנינא
זעהען די מענשען עולה רגל קיין ירושלים, מיט פערשידענע
מתנות פארן בית-המקדש, אין זייערע הענד, האט עס
פארשאפט גרויס צער, וואס ווען ער פלעגט געהען קיין
ירושלים, פלעגט ער אהין קומען מיט ליידיגע הענד, ווייל
ער האט נישט געהאט וואס מיט צו ברענגען, האט ער אמאל
אין מיט׳ן פון זיין ארבייט, ביים אויסהאקען די שטיינער
דער זעהען א גרויסען שעהנעם שטיין, וועלכער האט
זיך געפאסט צו ליגען בעפאר דעם בית המקדש,
אז די מענשען וואס קומען אהין אויף יום טוב זאלען
זיך קענען אוועק זעצען אויף איהם אפרוהען, —
האט ער דעם שטיין גוט ארומגעפיצט און ארומגעטעסעט
אויף גלאטיג, דערנאך האט א נדר געטהון צו ברענגען
דעם שטיין א מתנה צום בית המקדש, האט ער
אבער נישט געקענט אליין פיהרען דעם שטיין. פון שטעטיל
(ערב) ביז קיין ירושלים, האט ער געוואלט דינגען
ארבייטער, און ער האט אויך געטראפען פינעף מענשען.
וויפעל מען האט געדארפט, אויף צו קענען פיהרען דעם
שטיין קיין ירושלים, האבען די מענשען פארלאנגט
ביי איהם א באלויהנונג פין הונדערט סלעים, — —
ער וואלט זיי דאס געגעבען, אדער גאר אפשר נאך
מעהר, האט ער אבער נישט געהאט קיין פרוטה ביי
דער נשמה, האט ער צו זיי געזאגט: וואו זאל איך
נעמען הינדערט סלעים, אז איך פארמאג נישט אפילו
א העלפט פון אזוי פיל געלד? ווען איהר זאלט
אבער וועלען מיר העלפען אהן א באלויהנונג וואלט
איך איך געקענט אוועק געבען די גאנצע מצוה מיינע
...! זיינען די מענשען אוועק געגאנגען און האבען דעם
שטיין געלאזט ליגען, — האט דער אייבערשטער נישט
געקענט לענגער צו קוקען חנינא׳ס צער, האט ער איהם
צו געשיקט אנדערע פינף מענשען, וועלכע האבען
ביי איהם פארלאנגט בלויז פינף סלעים, פאר׳ן אריבער
פירען דעם שטיין קיין ירושלים, זיי האבען זיך אבער
אויסגענומען, אז ער זאל אויך צולייגען א האנד צו דער
ארבעט. און אזוי ווי ער האט געדענקט, אז ווען ער
וועט נור אנקומען אין ירושלים מיט׳ן שטיין, וועט
ער דארט קענען קריגען א הלואה פין פינף סלעים
צו באצאלען די ארבייטער זייער לוין, — איז ער
אויף דעם פרייז באשטאנען, די ארבייט האט אויך
נישט לאנג געדויערט. ווייל קוים האט נור ר׳ חנינא
צוגעלייגט א האנד צום שטיין, זיינען זיי באלד געווען
אין ירושלים -- און אזוי ווי ר׳ חנינא האט געוואלט באצ=
אהלען די ארבייטער פאר זייער מיה, זיינען די מענשען
געווען פארשוואונדען, און ער האט זיי נים געקענט
געפינען. געהט ער אריין אין (לשכת-הגזית) אין דער
פרעגט זיך, וועגען זיי, זאגט מען איהם עס ווייסט אויס
גאר מלאכים האבען געבראכט דעם שטיין.
(מדרש רבה שיר השירים, אין קהלת)

מען דער צעהלט אויף ר׳ חנינא בן דוסא, אז ער פלעגט
תפלה טהון אויף א קראנקען, און טרעפען: דער וואס
וועט לעבען, און דער וועט שטארבען, אז מען האט
געפרעגט: פון וואנען ווייסטו דאס? האט ער געענט=
פערט.! איך האב א סימן. געהט ארויס ביי מיר די
תפלה גלייך פינ׳ם מויל, ווייס איך אז די איז אנגענומען
אויב נישט- ווייזט עס אז זי איז אפגעווארפען. — —
- איז איינמאל דער זוהן פון רבן גמליאל הנשיא קראנק
געווארען, האט דער נשיא ארויס געשיקט צוויי פון
די חשוב׳סטע תלמידים חכמים צו ר׳ חנינא בן דויסא
מיט דער ביטע, אז ער זאל בעטען צום אויבערשטען
אז דער קראנקער זאל געזונד ווערען, — —
איז ר׳ חנינא ארויף אין אויבער-שטיבעל, און זיך
געשטעלט גאט בעטען, - און ווען ער איז דער נאך
ארונטער געקומען פון דאך שטיבעל, — —
האט ער געזאגט צו די שלוחים פונ׳ם נשאי,
איהר קענט שוין יעצט געהען אהיים, ווייל די היץ
איז פון דעם חולה אפגעטראטען.! - האבען זיך
יענע צוויי שלוחים אויפגעשריבען, ר׳ חנינא׳ס
מיט דער מינוט ווען ער האט דאס געזאגט
און ווען זיי זיינען געקומען צו ר׳ גמליאל און
זיי האבען דאס דערצעהלט, האט ער זיי
געזאגט, אז עס איז טאקע אזוי געווען, ווי
ר׳ חנינא בן דוסא האט געזאגט

## — א טאפ באקסערען —

אלע טאג האט זיך געלאזט הערען א בת-קול
די גאנצע וועלט ווערט געשפייזט צוליעב חנינא
מיין זוהן, - און חנינא מיין זוהן, בעגניגט זיך מיט
א טאפ באקסערען פון איין - ערב שבת. ביז׳ן
אנדערען ערב שבת,
תענית כ״ד

אויף א פלאץ נעבען ירושלים, האט זיך אויף געהאלטען
א שלאנג, פלעגט זי מזיק זיין מענשען, קומט
מען מע דערצעהלט דערפון חנינא בן דויסא,
הייסט ער זיך ווייזען די לאך פון דער שלאנג,
פיהרט מען איהם ווייזען די לאך, - טרעט ער אן
אויפ׳ן לאך, בעווייזט זיך דער שלאנג, גיט איהם
א ביס --- אין דער שלאנג בלייבט טויט אויפ׳ן ארט
נעמט ער זי אויפ׳ן אקסעל און טראגט זי אוועק
צום בית המדרש אין זאגט זיינע תלמידים —
זעהט איהר, קינדער, נישט די שלאנג טויטעט
נאר די זינד (חטא) פון דעמאלט אן איז ארויס
דאס שפריכווארט, וועה איז דעם וואס, שלאגט אן
אין א שלאנג: — און וועה איז דער שלאנג וואס
שלאגט זיך אן אין ר׳ חנינא בן דויסא
ברכות דף ל״ג

# הלל הבבלי

הלל׳ס באשיידענהייט און זיין איבערנאטירלעכע
געדולד, צו אלעמען איז געווען באריהמט, - - -
און מען פלעגט זיך דערצעהלען וועגען איהם
אונטערעסאנטעסטע מעשה׳לעך; - איין געשיכטע
ווערט פארציילט, ווען צוויי מענער, האבען זיך פארוועט
אין פיער הונדערט גולדען, ווען איינער פון ביידע
וועט הלל׳ן בייז מאכען, איז איינער פארביי געלאפען
פאר הלל׳ס הויז, אין א פרייטאג, ווען האט זיך
איינגעוואשען לכבוד שבת, שרייענדיג ווי נישט
מיט זיין קויל: הלל! - ווער איז דא הלל. און ווי איז ער
? האט זיך הלל איינגעהילט אין א מאנטעל, און
איז ארויסגעקומען צו שרייער; זאגענדיג: איך
בין הלל! - וואס ווילסטו מיין קינד ? - איך וואלט דיך
געריין עפעס געפרעגט! האט יענער א זאג געטהון,
- טא פרעג, און איך וועל דיר ענטפערען!
האט הלל גיזאגט. -- עס וויל זיך מיר וויסען - האט
יענער געזאגט - פאס וואס די בבליים ״קעפ״ קיילעכיגע
קעפ ? - דאס האסטו טאקע ריכטיג געפרעגט -
האט הלל געענ׳פערט, - און דאס קומט ווייל זיי
האבען נישט קיין געשיקטע הייבאמען. ווערען די
קעפלעך פון די נייגעבוירנע קינדער אונטער זייערע
הענד קיילעכדיג ---- א מינוט שפעטער האט
יענער ווידער געשריגען: הלל! וואו איז הלל?
האט זיך הלל איינגעהילט, און איז צו איהם
ארויסגעקומען זאגענדיג: - איך בין הלל! וואס
ווילסטו מיין קינד? קענסטו מיר אפשר זאגען -
האט יענער געפרעגט; - פאר וואס זיינען די אויגען
פון די, (תַרמודיאַנֶער) טְרִיב, ? - דאס האסטו
גוט געפרעגט. - האט הלל געענטפערט - אין דאס
קומט דערפאר ווייל זיי וואוינען אין א זאמדיגע
געגענט ווערען ביי זיי די אויגען פארפראשעט ....
א מינוט שפעטער האט יענער ווייטער געשריגען
מיט א ביידען קול: הלל: וואו איז דא הלל? --
האט זיך הלל, איינגעהילט און איז צו איהם ארויסגעק
אמען, מיט די ווערטער ---- דא בין איך. און וואס
ווילסטו מיין קינד? - עס וויל זיך מיר וויסען --
האט יענער געזאגט - פאר וואס די פיס ביי די
אפריקאנער זיינען אזעלעכע ברייטע, דאס האסטו
טאקע ריכטיג געפרעגט - האט הלל געענטפערט. -
אין דאס קומט, ווייל זיי געהן כסדר בארוויס, און
דיי זענען צווישען זומפען - האט יענער מענש א
זאג געטון! --- איך וואלט דיך נאך געהאט צו
פרעגען עטליכע שאלות, נאר איך האב מורא,
אז די וועסט בייז ווערען --

קענסט פרעגען, וויפעל שאלות די ווילסט, און איך וועל
דיר אלסדינג פארענטפערען. ווי ווייט איך וויים -- האט הלל
געענ׳פערט, ביסטו דאס הלל, וועלכער איז א ״נשיא״
ביי אידען? האט יענער א זאג געטהון, - איך בין דאס.
האט הלל געענטפערט, -- דאן ווינש איך די אידען, אז
אזעלכע ווי דו זאל זיך נישט מעהר געפינען ביי זיי!
האט יענער געזאגט, - פאר וואס ווינשסטו זיי דאס?
האט הלל געפרעגט. - ווייל איך האב דורך דיר
פארלוירען פיער הונדערט גולגדען, איך האב מיך
געוועט, אז איך וואלט דיך בייז מאכען, און איך
וויים שוין נישט, מיט וואס איך וואלט דיך געקענט
דער בייזערען --- האט הלל איהם געענטפערט
ווען די וועסט אפילו פארלירען צוויי מאל אזוי פיל
דיין וועט, וועסטו מיך אויך נישט קענען בייז מאכען
( שבת דף ל׳ )

## -- -- דער גוי מיט דער פרה אדומה. - - -

יודען האבען מאל בעדארפט הָבֶען א פרה אדומה
נאך לאנג זוכען האט מען זי געפינען ביי איינעם
א גוי, וויל ער פאר איהר פיער רענדליך; - דינגט מען
זיך נישט, און מגעהט ברענגען די געלד, - -
שטויסט זיך דער גוי אָן, אויף וואס די יודען דארפען
זיין קוה, - און ווען מהאט געבראכט דאס געלד,
זאגט ער, ניין, איך וויל איך נישט פארקויפען, -
זאגען זיי איהם אפשר ביסטו נישט צופרידען, מיט
דעם פרייז, - זאג-דשע, וויפעל פערלאנגסטו
פערשטעהט דער ערל, אז די יודען וועלען ניט
דזשאלעווען קיין געלד, האלט ער זיך פעסט,
גיבען זיי איהם שוין פינעף רענדליך, צעהן, צוואנציג,
וויל ער ניט: פופציג; הונדערט; און ער וויל אלץ ניט
- צו סוף איז ער קוים באשטאנען אויף טויזענד,
בלייבט עס אזוי, און מגעהט ברענגען דאס געלד,
ווי מאיז אוועקגעגאנגען, איז ער מְיישב דער גוי און זאגט צו זענעם
א חבר, אט באלד וועסטו זעהן, וואס פאר א שפּצעל איך
דא אפטהון. די ווייסט פאר וואס זיי גיבען מיר אזא פרייז?
דער פאר ווייל מיין קוה, איז ניט געגאנגען אין יאך, וואסזשע
טיט אפ א קליינעקייט, ער שפאנט זי אין יאך, אבער נאכט,
דער נאך טראכט ער זיך, אבי איך וועל נאר אריינקריגען
די געלד, מעגען זיי זיך האלטען מיט דער מציאה, איז
אבער פארהאן צוויי האָער אויפ׳ן האלז, וואס מען דערקענט
צו די איז געווען אין יאך, ווען דער גוי האט געזעהן אז די
יודען קומען אָן, מיטען געלד, תאפט ער און באפרייט זי
פון יאך, ! - דער זעהען זיי דאס; זאגען זיי צום [illegible]
די מציאה, געהערט אזעלכע ווערטער אויף אזא מזלה
האט ער ניט גערעכט. - און פון גרויס פארדראס האט ער זיך
אויף געהאנגען אין זיין אייגענער שטוב, -

# הלל הזקן הבבלי

וועו הלל איז געוועו אין ארץ ישראל
האט ער געלערנט, ביי שמעיה און אבטליון. --
איז די צייט געוועו פאר איהם זעהר שלעכטע, ער
האט דאן אנגעפיהרט אַ פאר צערט לעבען, און
ער האט זיך דערנעהרט פון שווערע ארבייט, פאדי'נט
האט ער דעמאלס (בסך-הכל) איין גראשען אַ טאג.
האט ער אַ העלפט דערפון פארבויט אויף פרנסה
פאר זיך אין הויז, -- און אַ האלבען גראשען האט ער
געדארפט אוועקגעבען צום טהיר-היטער, פין בית המדרש.
האט ער אבער אמאל איין טאג גאר נישט פארדיענט,
האט ער, מיט זיין ווייב אין יענעם טאג גאר נישט געגעסען,
אין אזוי ווי ער האט אבער געוואלט הערען תורה ביי
שמעיה ואבטליון, און דער טהיר-היטער פון בית המדרש
האט עם נישט אריינגעלאזען אָהן אַ האלבען גראשען,
איז ער ארויפגעקראכען אויפ'ן דאך פין בית המדרש,
און ער האט זיך דארט געלייגט לעבען קוימען, ער זאל
אזוי ארום קענען הערען, וואס שמעיה-ואבטליון לערנען,
אַ גאנצע נאכט איז ער אזוי אפגעלעגען -- און דאס איז
געוועו אַ פרייטאג-צו נאכט'ס, אין מיטען חודש טבת
און אין יענע נאכט האט זעהר שטארק געשנייט,
איז זיינער גאנצער גוף געווארען באדעקט, מיט דריי
איילען הויך שניי, !- צו מארגענס אין דער פריה,
איז געוועו פינסטערלעך אין בית-המדרש, --
די פענסטער אויפ'ן דאך, זיינען געוועו מיט שניי
פארדעקט -- האט מען און ווען מען האט זיך פון
אונטען בעסער איינגעקוקט, - האט מען דערזעהען
אַ מענשליכען קערפער ליגען אונטער'ן שניי,
לעבען קוימען, - איז מען דארט אהין באלד ארויפגעגאנגען
האט מען ארונטערגעשארט דעם שניי און מען האט
דערקענט אז דאס איז הלל, האט מען איהם אפגעוואשען
אויסגעשמירט מיט אויל, און איהם אויפגעווארימט אַ
אקעגען פייער, און אזוי ווי דאס אלעס, איז נישט
ערלויבט אום שבת -- האבען די חכמים אינם
בית המדרש געזאגט: אזא מענש ווי הלל איז ווערטה
מען זאל וועגען איהם מחלל שבת זיין!
(יומא דף ל"ה)

# הלל שמאי'ם חבר

די גמרא דערצעהלט, אז אכציג תלמידים
פון די גרעסטע מענשען פון יענעם דור, זיינען געוועו
הלל'ס תלמידים; - וואס דרייסיג פון זיי זיינען געוועו
ווירדיג, אז די שכינה זאל אויף זיי רוהן, גלייך ווי זי
האט גירוהט אויף משה רבינו; - אנדערע דרייסיג פון
זיי זיינען געוועו ווירדיג אז די זון זאל זיך פאר זייערטוו
עגען אפשטעלען, - גלייך ווי די האט זיך אמאל אפגעש
טעלט פאר יהושע בן נון; - און צוואנציג זענען געוועו
מיטעלמעסיגע. איז צווישען זיי געוועו דער גרעטער
מענש ווי יונתן בן עוזיאל, וואס די תורה האט ביי איהם
אזוי געברענט אז ווען אַ פויגעל איז פאר איהם, פאר
ביי געפלויגען אין דער צייט וואס ער געלערנט, איז
~~[illegible]~~ פארברענט געווארען, פון זיינע
פלאמעדיגער התלהבות, ! און דער קלענסטער פון
הלל'ס תלמידים איז געוועו ר' יוחנן בן זכאי, וועגעם
איהם איז געזאגט געווארען, אז ער איז געוועו באקאנט
אין אלע ווינקעלעך פון דער תורה, משנה, גמרא,
הלכות, און אגדות, דקדוקי תורה, און דקדוקי, סופרים
ער האט פאר שטאנען ענינ'ים פון תקופות, און גימטריאות
און ווען די גמרא דערצעלט די דאזיגע שבחים וועגען
הללס תלמידים, ווערד צו געגעבען; - אז דער קלענסטער
פון זיי איז געוועו, ר' יותנן בן זכאי, ! קען מען שוין
באמערקען, וואס פאר אַ מאן אַ געלעהרענטער,
דער גרעסטער פון זיי איז געוועו, (סוכה דף כ"ח)

וועגען הלל'ס באשיידענהייט און זיין געדולד, איז געוועו
צו אלערליי מענשען. ער איז אויך געוועו זעהר גענוגזאם,
און ער פלעגט זאגען: ברוך ה' יום יום: געלויבט איז
גאט פאַר'ן היינטיגען טאג. : איבער געקומען איין טאג
פלעגט ער קיינמאהל נישט זארגען פאר'ן מארדיגען
טאג, - אין דעם זעלבען זין האט ער אויך געהאלטען
זיינע הויז מענשען, און ווען ער האט אמאל דערהערט
געשרייען פון קריג, אין דעם זעלבען געגענד וואו
ער ווינט, האט ער געזאגט צו זיינע תלמידים, --
וועלכע האבען איהם באגלייט פון בית המדרש, ביז
צו זיין הויז: איך בין זיכער אז די געשרייען קומט ניט
פון מיין הויז (ברכות דף ס')

אין יענע צייט איז הלל געוועו אַ באהיילטענער מיט זיינע ידיעות, חוץ וואס שמעיה ואבטליון
האבען איהם געקענט, - האט ער נישט באוויסט געמאכט צו קיינעם; גלייך ער האט אויך צו קיינעם
נישט דערצעהלט, וואס עס הערט זיך ביי איהם אין הויז. צו עס איז פאראנען עסען, אדער ניט,
ער האט איבערהויפט פיינט געהאט צו באשעפטיגען די עפענטליכקייט מיט זיינע פריוואטע אינטערעסען

# איהם מעג מען מקנא זיין

די בעל בתים האבען זיך אליין מתעסק געווען אין דער מצוה, נישט צו געלאזט, די שמשים אַ קליינינקייט אזא מת!,- די נאכט איז געווען אַ ליכטיגע, און אַ ווארעמע, די לְבָנָה האט גישיינט זי האט אנגעקוועלט. פון דא אלע מענשען וואס זענען געקומען אבגעבען כבוד דעם חַזָן פאר זיין אוועקגעהן אהין אין זיין וויטען וועג אריין,- און מען האט זיך אבגעשטעלט, מיט דער מִטָה קעגען אלטען בית מדרש,- האט זיך רֶב משה'לע דער רָב אוועקגעשטעלט מאכען אַ הֶסְפֵד און דער גאנצער עולם האט מיט געוויינט,... דער רָב האט אויסגעוויזען מיט פְסוּקִים, און מיט מדרשים, אז רֶב יעקב דעם חזנ'ס טוידט איז נישט קיין געווינטליכער טוידט פון געוויינטליכען מענשען;- אז אזוי שטארבען, שטארבט נור אַ צדיק, און אזא צדיק געהט פון דאנען, גלייך אין גַן-עֶדֶן אריין,...! ווארום נישט איטליכער איז זוכה צו שטארבען יום כפור צו נעילה ביים עמוד.

און אזא צדיק, אז ער פאהרט אב פון שטאדט, בעדארף די גאנצע שטאדט, איהם באלייטען, און וויינען אין קלאגען,- וויינט-זשע יודען, און קלאגט אויף דעם צדיק, וואס מיר האבען פערלוירען, און בעט איהם, ער זאל דארט זיין אַ מליץ-יושר פאר'ן כסא-הכבוד צום נייעם יאהר,- שוין צייט גאט זאל רחמנות האבען אויפ'ן כלל ישראל,- דער גאנצער עולם האט געוויינט, געגאסען מיט טרערען,- און געגלויבט, אז זיי האבען אוועקגעשיקט פאר זיך אַ גוטען שְלִיחַ, אַ רעכטען שְתַדְלָן צום איבערשטען!--.....-- און דער מינוט האט זיך איטליכער געווינשען צו זיין אויף ר' יעקב'ס דעם חזנ'ס ארט:

לאנג-לאנג נאכדעם האט מען נישט אויפגעהערט צו דערצעהלען, אין שטעטעל פון ר' יעקב דעם חזנ'ס טוידט, און פון דער לויה וואס ער האט געהאט, און מען האט געזאגט מיט א זיפץ: - יָא, איהם מעג מען מקנא זיין.... -!.-!.!.-

## • על אלה אני בוכיה •

פיער הונדערט יודישע יונגליך מיט מיידליך האט דער שונא אספסיאנוס,- געפאנגען, און צוזאמען זיי געפיהרט אין א שיף פערקויפען זיי צו שאנד. (בתי זונות). דער שפירענדעם שרעקליכען מיין פון זייערע פאנגער, פערפיהרען זיי אויפ'ן וועג צווישען זיך אַזאַ שמועס: ווען אַ שטייגער, מיר ווארפען זיך אריין אין יַם, קענען מיר האפען אויף עולם הבא? דער עלטסטער צווישען האט זיי געענטפערט אויף דעם מיט אַ פסוק פון תהלים,.....
אָמַר יי מִבָּשָׁן אָשִׁיב אָשִׁיב מִמְּצוּלוֹת יָם -!
אויסגעטייטשט אזוי: גאט האט געזאגט - (מִבַּשָׁן מִבֵּין שיני אריות) פון דעם לייב'ס ציהן וועל איך אייך צוריק ארויס רייסען.- ארויסהייבען וועל איך אייך, פון טיפענישען - דער הערען זיי דאס,- טראכטען נישט די מיידלעך און ווארפען זיך אלע אריין אין יַם, און קוקענדיג אויף זיי האבען דאס זעלבע באלד נאכגעטוהן די יונגעלעך מיט שְמַע יִשְ

(מסכת גיטין דף נ"ז)

## אויף קבר אבות....

אַבעל עגלה איז געגאנגען בעטען פאר אַ גוט יאהר צום קבר פון זיין פאטער, אבער אנשטאט מיט צונהעמען די "תחינה", האט ער מיט גענומען, אַ ביכעל וואס לערענט קצבים ווי צו טרייבערען אַ בהמה, ער האט גענו-מען ליינען:- מען לייגט אוועק דעם הינטערשטען חלק אויפ'ן קלאץ, און מען שניידט די פלייש ביז מען דערגרייכט דעם ריפ. (גיד הנשה), מען נעהמט ארויס דעם אדער, און מען שניידט ארויס די פעטס, ערשט דאן איז דאס כשר, דער בעל עגלה האט זיך שטארק צעוויינט - אוי מיין אומגליקליכער טאטע, די ביזט שט-ענדיג געווען אַ שוואכער מענש, און דו האסט נעבאך געדאפט דורכמאכען אַ שווערע אפעראציע צו ווערען כשר, אריין צוקומען אין גן עדן,

# איהם מעג מען מקנא זיין

פון מיין שטעטעל וויסקיט זכרונות

זינט איך געדענק האט נאך, קיין איינער ניט געהאט אזא לויה, ווי אינזער חזן ר' יעקב
ר'יעקב דער חזן, איז געווען אַ יוד איין ארומאן, איין עני ואביון, גלייך מיט אלע בעלי-בתים,
און האט פערדיענט אזא לויה, נאר דערפאר, וואס ער איז געשטארבען ווי א צדיק, - - - -
- - - - - - - - -, דאס איז געווען יום-כפור צו נעילה.

די זון האט שוין געהאלטען ביי אונטערגעהן, זיך געזעגעגט, און אריינגעקוקט דורך די פענס-
טער פונ'ם אלטען בית-המדרש. און בעלייכט די אויסגעמוטשעטע פענמער, די געלע טלתים
מיט די ווייסע קיטלען פון די בעלי-הבתים, וואס האבען אויסגעזעהען ווי לעבעדיגע מתים,
זיי האבען געפיהלט, אז עס לאזען זיך אויס די כחות, אז עס געהט זיי אויס דאס חיות,
זיי זענען געזעסען איבער די מחזורים, געשאקעלט זיך, געקוויקט, ווער מיט חלש טראפענס,
און ווער מיט אַ שמעק טאבעקע, אין געזונגען. אונטערגעהאלפען ר' יעקב דעם חזן,

ר' יעקב חזן, אַ שיינער יוד, מיט אַ לאנגער שיטערער בארד, מיט אַ ברייטען, איז גאנץ פריה אָן
געשטאנען פאר'ן עמוד אויף די פיס: ער איז געשטאנען פאר'ן רבונו-של-עולם מיט
אויפגעהויבענע הענט, געדאווענט, געוויינט און געבעטען ביי איהם רחמים, פאר די בעלי בתים
וואס האבען איהם געשיקט פאר אַ שתדלן, אויף אזא אדוואקאט ווי ר' יעקב, האבען זיך די בעלי בתים
נישקשה געקענט פערלאזען, האט ער געפעגעט אַ מויל, האבען געציטערט די ווענט פונ'ם בית המד
און עס האבען געקלונגען די פענסטער, היינט איז ער געווען א גרויסער בעל בכי, פלעגט וויינען
גיסען מיט טרערען, און אויף איהם קוקענדיג, האט דער גאנצער עולם געוויינט. - רב' יעקב
הויבט אויף ביידע הענט און טענה'ט זיך אויס מיט'ן רבונו-של-עולם, מיט'ן וויינענדיגען
נגון פון נעילה, - - - אוי וועה, טאטע! אוי וועה פאטער! - און איטליכער בשעת מעשה
האט חרטה אויף זיינע גרויסע זינד, און ער בעט, גאט, ער זאל אבמעקען מוחל זיין, און
פערגעסען, און שיינקען זיי אַ גוט יאהר, - - - אַוען רב יענקעלע דער חזן, האט
זיך אביסעל אבגעריהט, און איבערגעכאפט דעם אטעם, - - און ער לאזט אויס ווידער
מיט אַ געבעט, און מיט אַ געוויין (אמונים גשי לנצחך) - אוי וועה, אוי וועה ..........
- און פלוצים ווערט מיט אמאל-שטיל. און עס הערט זיך עפעס אַפאל און אַ קלאפ,
און אַ שטופעריי - שאַ! שאַ! נאַ! שמש... שמש! ... לויפט צו חיים דער שמש
און חאפט אונטער, ר' יעקב דעם חזן אונטער די הענד. - און דער חזן פערווארפט דעם
קאפ ארונטער, די אויגען האלב אפען, דאס פנים וויס ווי קאלך, די ליפען טוידט, און עפעס
אַ ביטער שמייכעל אויף זיי, - - דער עולם טהוט זיך אַ ווארף, מען טרגט איהם אונטער. -
חלש-טראפען צו דער נאז, - מען שפריצט איהם אָב מיט וואסער, מען קוועטשט איהם
ביי די שליפען - - רב יעקב דער חזן איז טוידט - דער חזן איז געשטארבען ..........

עס איז געווען אויף אַ ווילע אַ טימעל, אַ געדודער: פון דער וויבערשער שוהל
האט זיך געלאזט הערען אַ מאדנער געשריי - - דאס האט חנה די חזנ'טע געחלשט,
און אויף איהר קוקענדיג זענען געפאלען חלשות נאך עטליכע וויבער, - -
האט רב משהל'ע דער רב אַ ווינק געטהון צו די גבאים, און די גבאים האבען
אַ פאטש געטהון אין די סטענדערס, ס'זאל זיין שטיל, און חיים דער שמש; (ער איז
סאקי געווען בעל-שחרית,) איז צוגעגאנגען צום עמוד און האט געשטעלט דאווענען ווייטער,
און דער גאנצער עולם האט געדאווענט ווייטער, ביז רב יצחק'ל בעל תוקע האט געגעבען
דעם לעצטען בלאז, ! - - נאך דעם האט מען געמאכט אַ ברכו, זיך געשטעלט דאווענען
דעם וואכענדיגען מעריב, דער נאך איז מען, ארויס מחדש זיין די לבנה, - איז מען
ערשט געגאנגען אהיים זיך אבפאסטען. ווער מיט אַ שטיקעל עוף פון די כפרות.
און ווער מיט א שטיקעל ברויט מיט הערינג און מיט אַ טרינק וואסער, - -
אין אַ שעה ארום נאכ'ן אבפאסטען, איז דער גאנצער שוהל הויף שוין געווען פארפלייצט
מיט מענשען, מענער, און פרויהען, יונגליך, און מיידליך, - אלע זענען זיך צונויפגעקומען
צו דער לויה...

א מענש זאל זיך בעסער לאזען ארײנוואַרפען אין קאלך אויווען, אידער צו פארשעמען דעם צווייטען

---

ווער איז שטארק? דער וואס קען באהערשען דעם יצר הרע

---

בעסער איז, אז דו זאלסט ניט צוזאגען, אידער דו זאלסט צוזאגען און ניט מקיים זיין, דעם צוזאג

---

אן ארימאן איז דער, וואס האט ניט קיין בילדינג

---

אן ארימאן איז דער, וואס האט ניט קיין וויסען

---

אַ שטונדע לערנען אין דער יוגענד, איז בעסער ווי צוויי שטונדען אויף דער עלטער.

---

אז מען לערנט ניט איין טאג, פארגעסט מען אויף צוויי טעג, ! די וואנט האט אויערן.

---

קום זאגסטו ארויס אַ ווארט, איז דאס ווארט בעל הבית איבער דיר. ! מלאכה פארהערלעכט דעם מענשען

---

די שעהנקייט פון די קינדער איז אַ כבוד פאר די עלטערען

---

אַז מען טוט אַ גוט זאך, שלעפט נאך זיך נאך אַ גוטע זאך: אַ שלעכטע זאך, שלעפט נאך זיך נאך אַ שלעכטע

---

איזהו עשיר השמח בחלקו
רייך איז דער, וועלכער איז צופרידען מיט זיין שיקזאל

בעסער צו זיין אַ חכם, אידער אַ נביא.

---

אַ פיקס אין זיין צייט. - ביק זיך צו איהם

איין פריינד איז צו פיל, טויזנט איז צו ווי'נג

## רבי
## ראש בני ישראל

ווען נח האט זיך גענומען צו דער ארבייט, צו פלאנצען אַ ווײנגארטען, איז געקומען דער שטן און האט אַוועק געשטעלט נעבען איהם, אויפ'ן שטנ'ס פראגע, - וואס עס קומט ארויס פון אַ ווײנגארטען, - האט איהם נח געענטפערט - ער גיט ארויס זיסע פירות, וועלכע דיינען געשמאק צום עסען, סַיא פרישערהייד, און סיי געטריקענטע, און מען האט פון איהם אויך וויין, וואס דערפרעהט די הערצער, - אויב אזוי האט דער שטן פארגעשלאגען לאמיך דיר העלפען אין דער ארבייט און מיר וועלען זיין שותפים, - זעהר גוט! האט נח צוגשטימט.

... וואס האט דער שטן געטאן? - ער האט געבראכט אַ שעפס און האט אים דער'הארג'עט אינטערן ווײנשטאק, נאכדעם האט ער געבראכט אַ לייב און האט איהם אויך דער'הרג'עט. אויפ'ן דעם זעלבען ארט, און נאכדעם האט ער געטאן דאס זעלבע מיט אַ חזיר, און צום לעצט האט ער אויך [א] געבראכט אַ מאלפע און זי דארט דער'הרג'עט אויפ'ן זעלבען ארט, די בלוטען פון אלע פיר חיות האבען זיך צעגאסען איבער דעם ווײנגארטען, און די ערד האט זיך פון זיי אנגעטרונקען. - - -

דאס איז געווען אַ צייכען פאר נח'ן

די לַחכִימָה בִּרְמִיזָה

---

## געדענקען אין פארגעסען

אַ מלמד וועלכער, איז אויך געווען דער בעל קורא, אין שוהל, האט אמאל געוואלט, אנלערנען דיינעם אַ בעל הבית וועלכער פלעגט האבען אַ טבע מנדר זיין יעדע מאל ווען ער האט עולה לתורה געווען, און פלעגט פארגעסען באצאלען די נדרים, - אין געלערענט, מיט'ן בעל הבית'ס אינגעל פרשה בראשית אין מיט איהם איינגע'חזרט אז הבל האט געהרגעט קין'ען און ניט, קין, הבל'ן. און ווען דער פאטער האט שבת פארהערט זיין אינגעל, און געזעהן אזדיין רבי האט איהם איינגע'חזר'ט אזא גראבען טעות, - האט ער באגעגנט דעם מלמד איהם פארגעווארפען פאר וואס ער האט מיט זיין זוהן איינגע'חזרט אזא גראבען טעות, "מערקווירדיג, מיט אייער זכרון" ענטפערט דער מלמד בעל קורא, וואס עס איז פאר-געקומען, מיט קין'ען, און הבל'ן פינף טויזענט יאהר צוריק, געדענקט איהר גוט, - איירע נדרים וואס איהר מנדר געווען ניט לאנג צוריק פארגעסט איהר באלד,

יחיאל ח'

# חברה קדישה סעודה

## אַ ווינטער טאג

ווי אַ תושב, איז ער געלעגען איינגעפונדעוועט אין שטעט׳ל
דער הארטער שניי. ער איז געלעגען מיט אזא זיכערקייט,
און מיט אזא געפרווירענער רוהיגקייט, אז ס׳האט
אויסגעזעהן: קיינמאל וועט שוין דער שניי נישט צעגעהן,
די פעסער, וואסער, וואס זענען געשטאנען אין פעדער-
הייזער האבען געפרווירען, און שויבען פון פענסטער
האבען זיך באדעקט מיט ווייסע שיינע בלאמען,
אז מען האט געגעבען אַן עפען די טהיר אין ווארעמען
בית המדרש אריין, האט געדיכטע, ווייסע פארע
אויס געזעהן ווי ווייסער וואלקען, אין אזא קאלטען
ערב ראש חודש איז די גרויסע סעודה אויסגעפ-
אלען: ערב ראש חודש טבת,!
יענער טאג - און ס׳איז געווען יום טוב אינדערוואכען
איבער אלע געסלעך, האט עס פארשמעקט מיט
חול המועד און: - - - חברה קדישה לייט האבען
דעם טאג קיין שום ארבייט נישט געטאן,,
בערעל פארבער, דער גבאי פון חברה, האט דעם
טאג נישט געפארבט קיין פרישע בייזוואל,
גאבריאל דער גלעזער - איז נישט אוועק מיט
דעם קעסטעל גלאז איבער די דערפער: - -
שמשון לייזער האט דאס קליי׳טעל אינגאנצען
איבער געלאזט צום ווייב, - און אזוי אלע איבעריגע
דער טאג איז געווען אנדערש פון די איבעריגע טעג
באריד איבערפרישע, און אלע חברה-קדישא-ניקעס
זיינען אוועק אין מקוה, - ספעציעל פאר זיי איז
די מקוה, - דעם טאג, געהייצט געווארען - -
און קיין סתם איד האט מען נישט אריינגעלאזט,
זישע דער שמש האט שוין אכטונג געגעבען,
די מקוה איז געווען הארי׳ג, האט געקאכט, די וואסער
האט געזאטען, און חברה לייט האבען געבריהט
די לייבער, האבען שטארק געקראצט, קריכענדיג
אין וואסער, האט מען זיך געקוויקט, האן - איז מען
ארויסגעקומען פון וואסער מיט לייבער, רויט ווי
אַ בוריק, - האט מען דערנאך געגאסען ס׳לייב
מיט עמפלעך קאלטע וואסער, האט מען דערביי
געשאקעלט מיט די ליפען, געטרייסלט מיט בערד
און מען האט ווידער געקראצט און זיך פאסמאקעוועט
אין מקוה איז געווען אַ פארע ווי אַ געדיכטער רויך
די ווענט האבען געשוויצט, פון סטעליע האבען
געטריפט גרויסע טראפענס און דער דיל איז געווען
נאס און גליטשיג.

# פון מיין שטעטעל

אין דער עולם האט זיך נישט געאיילט סיי - ווי האט מען
דעם טאג געפאסט, - האט מען זיך אנגעטאן געלאסען,
אין דער ווארימער שטוב, וואס ביי דער מקוה, - האט מען
דערוויל געשמועסט פון מתים, האט מען זיך איבער
געשמועסט וועגען דעם אלטען עושר משה נחום׳ס,
וואס וויל קיין צדקה ניט געבען, און אז ס׳וועט קומען
זיין צייט, לאחר מאה ועשרים, וועט מען פון זיינע
יורשים דארפען שניידען אַ פאס.... זיי וועלען
דארפען אבצאהלען פאר די אלע יאהרען זיינע,
וואס ער האט קיין צדקה נישט געגעבען. - - -
- אַי וועט מען שניידען אַ פאס!
אַ וועט מען שניידען אַ הויט! - אזא קמצן!
- נישקשה: ס׳וועט קומען די צייט! -
שוין נישט לאנג צו ווארטען! ערשט ארים האלבען
טאג, ווען אין בית המדרש איז שוין געווען כמעט
ליידיג פון סתם אידען, זענען זיך צונויפגעקומען
אהין די חברה קדישה אידען, - זענען אלע געווען
אנגעטאן, האלב יום-טוב-דיג, און האלב וואכעדיג,
און בערעל פארבער - דער גבאי - אינגאנצען
שבת׳דיג: אין סאמעטענעם היטעל, אין דער אטלעס
קאפאטע, - און זיין פנים איז געווען ליכטיגער, די
היץ פון דער מקוה האט געהאט אבגעגעסען די
פארב, וואס איז שטענדיג געווען אין דער הויט פון
זיין פנים, - האט זיך בערעל אוועק געשטעלט פאר׳ן
עמוד - דאווענען, אין געזאגט יום כפור קטן,. און דאן
מען איז געדעמען שטיל, און מען האט געהונגערט
און געווארט אויפ׳ן אווענט. - - און ביי בערעל פארבער
אין הויז האבען חברה קדישה ווייבער, צוגעגרייט
די גרויסע סעודה, פון מינדלען די גאבעטע בראש,
פון באק-אויווען האט געזעצט אַ מורא׳דיגע היץ
די גאנצע האבען זיך דארט געבראטען: פרישע חלות
זענען שוין געלעגען אויף געגרייטע טישען, -
די פירמעסיקע מיט פארגליווערטע העכט, האבען
אונטערטעניג געווארט, - די פלעשער בראנפען
האבען געשמורעט מיט ממזרישע אייגעלעך.
די פעסלעך ביער האבען פון ווינקלען שטיל אין
געקרעכצט, - איך געדענק עס קלאער, איבער דעם
גאנצען שטעטעל האט געשמעקט מיט געבראטענע
גענז און געקאכטע העכט, - אין אווענט האט מען
געפראוועט די סעודה, - ניט ח"ו געשטערט
...... האלווא ביי אינז

א מענש זאל זיך בעסער לאזען אריינווארפען אין קאלך אויווען, איידער צו פארשעמען דעם צווייטען

---

ווער איז שטארק? דער וואס קען באהערשען דעם יצר הרע

---

בעסער איז, אז דו זאלסט ניט צוזאגען, איידער דו זאלסט צוזאגען און ניט מקיים זיין, דעם צוזאג

---

אן ארימאן איז דער, וואס האט ניט קיין בילדינג

---

אן ארימאן איז דער, וואס האט ניט קיין וויסען

---

א שטונדע לערנען אין דער יוגענד, איז בעסער ווי צוויי שטונדען אויף דער עלטער.

---

אז מען לערנט ניט איין טאג, פארגעסט מען אויף צוויי טעג, די וואנט האט אויערען.

---

קום זאגסטו ארויס א ווארט, איז דאס ווארט בעל הבית איבער דיר. מלאכה פארהערלעכט דעם מענשען

---

די שעהנקייט פון די קינדער איז א כבוד פאר די עלטערען

---

אז מען טוט א גוט זאך, שלעפט נאך זיך נאך א גוטע זאך: א שלעכטע זאך, שלעפט נאך זיך נאך א שלעכטע

---

איזהו עשיר השמח בחלקו

רייך איז דער, וועלכער איז צופרידען מיט זיין שיקזאל

---

בעסער צו זיין א חכם, איידער א נביא.

---

א פיקס אין זיין צייט, ביק זיך צו איהם

איין פריינד איז צו פיל, טויזנט איז צו ווייניג

## רבי
## ראש בני ישראל

ווען נח האט זיך גענומען צו דער ארבייט, צו פלאנצען א וויינגארטען, איז געקומען דער שטן און האט אוועק-געשטעלט נעבען איהם, אויפ'ן שטנ'ס פראגע, - וואס עס קומט ארויס פון א וויינגארטען, - האט איהם נח געענטפערט — ער גיט ארויס זיסע פירות, וועלכע דיינען געשמאק צום עסען, סיי פרישערהייד, און סיי געטריקענטע, און מען האט פון איהם אויך וויין, וואס דערפרעהט די הערצער, — אויב אזוי האט דער שטן פארגעשלאגען לאמיך דיר העלפען אין דער ארבייט און מיר וועלען זיין שותפים, - זעהר גוט! האט נח צוגעשטימט.

... וואס האט דער שטן געטאן? - ער האט געבראכט א שעפס און האט אים דער' הארג'עט אינטערן וויינשטאק, נאכדעם האט ער געבראכט א לייב און האט איהם אויך דער'הרג'עט. אויפ'ן דעם זעלבען ארט, און נאכדעם האט ער געטאן דאס זעלבע מיט א חזיר, און צום לעצט האט ער אויך [א] געבראכט א מאלפע און זי דארט דער'הרג'עט אויפ'ן זעלבען ארט, די בלוטען פון אלע פיר חיות האבען זיך צעגאסען איבער דעם וויינגארטען, און די ערד האט זיך פון זיי אנגעטרונקען. - - -

דאס איז געווען א צייכען פאר נח'ן

**ודי לחכימא ברמיזה**

## געדענקען אין פארגעסען

א מלמד וועלכער, איז אויך געווען דער בעל קורא, אין שוהל, האט אמאל געוואלט, אנלערנען דיינעם א בעל הבית וועלכער פלעגט האבען א טבע מנדר זיין יעדע מאל ווען ער האט עולה לתורה געווען, און פלעגט פארגעסען באצאלען די נדרים. - אין געלערענט, מיט'ן בעל הבית איינגעל פרשה בראשית אין מיט איהם איינגע'חזרט אז הבל האט געהרגעט קין'ען און ניט, קין, הבל'ן. און ווען דער פאטער האט שבת פארהערט זיין איינגעל, און געזעהן אז דיין רבי האט איהם איינגע'חזר'ט אזא גראבען טעות, - האט ער באגעגענט דעם מלמד איהם פארגעווארפען פאר וואס ער האט מיט זיין זוהן איינגע'חזר'ט אזא גראבען טעות, "מערקווירדיג, מיט אייער זכרון" ענטפערט דער מלמד בעל קורא, וואס עס איז פאר-געקומען, מיט קין'ען, און הבל'ן פינף טויזענט יאהר צוריק, געדענקט איהר גוט, - אייערע נדרים וואס איהר מנדר געווען ניט לאנג צוריק פארגעסט איהר באלד,

יחיאל ח׳

# חברה קדישה סעודה

א ווינטער טאג

ווי א תושב, איז ער געלעגן אײַנגעפונדעוועט אין שטעטל
דער הארטער שניי. ער איז געלעגן מיט אזא זיכערקייט,
און מיט אזא געפרוירענער רוהיגקייט. אז ס'האט
אויסגעזען: קיינמאל וועט שוין דער שניי נישט צעגיין.
די פענסטער, וואסער, וואס זענען געשטאנען אין פעדער:
הײַדער האבען געפרוירען. און שויבען פון פענסטער
האבען זיך באדעקט מיט ווײַסע שיינע בלומען;
אז מען האט געהאבען אן עפען די טהיר אין ווארעמען
בית המדרש אריין, האט געדיכטע, ווײַסע פארע
אויס געגעהן ווי ווײַסער וואלקען. אין אזא קאלטען
ערב ראש חודש איז די גרויסע סעודה אויסגעפ-
אלען: ערב ראש חודש טבת!
יענער טאג, און ס'איז געווען יום טוב אנדערוואבען
איבער אלע געסלעך. האט עס פארשמעקט מיט
חול המועד און ― ― חברה קדישה לייט האבען
דעם טאג קיין שום ארבייט נישט געטאן ― ―
בערעל פארבער, דער גבאי פון חברה, האט דעם
טאג נישט געפארבט קיין פערישע ביינוואל,
גאבריאל דער גלעזער ― איז נישט אוועק מיט
דעם קעסטעל גלאז איבער די דערפער:
שמשון לײַיער האט דאס קל״טעל אינגאנצען
איבער געלאזט צום ווייב. ― און אזוי אלע איבעריגע
דער טאג איז געווען אנדערש פון די איבעריגע טעג
באלד אינדערפרי, און אלע חברה-קדישא-ניקעס
זײַנען אוועק אין מקוה, ספּעציעל פאר זיי איז
די מקוה, דעם טאג, געהייצט געווארען ― ―
און קיין סתם איד האט מען נישט אריינגעלאזט,
זישע דער שמש האט שוין אבטוננג געגעבען,
די מקוה איז געווען האכיג. האט געקאכט, די וואסער
האט געזאטען. און חברה לייט האבען געבריהט
די לייבער, האבען שטארק געקרעכצט, קריכענדיג
אין וואסער, האט מען זיך געקוויקט, דאן ― איז מען
ארויסגעקומען פון וואסער מיט לייבער, רויט ווי
א בארק, האט מען דערנאך געלאשען ס'לייב
מיט שעפלעך קאלטע וואסער, האט מען דערביי
געשאקעלט מיט די ליפען, געטרייסלט מיט בערד
און מען האט ווידער געקרעכצט און זיך פאסמאקעוועט
אין מקוה איז געווען א פארע ווי א געדיכטער רויך,
די ווענט האבען געשוויצט, פון סטעליע האבען
געטריפט גרויסע טראפענס און דער דיל איז געווען
נאס און גליטשיג.

# פון מיין שטעטל

אין דער עולם האט זיך נישט געאיילט סיי-ווי האט מען
דעם טאג געפאסט, ― האט מען זיך אנגעטאן געלאסען.
אין דער ווארימער שטוב, וואס בײַ דער מקוה, ― האט מען
דערווייל געשמועסט פון מתים, האט מען זיך איבער
געשמועסט וועגען דעם אלטען עושר משה נחום'ס,
וואס וויל קיין צדקה נישט געבען, און אז ס'וועט קומען
זײַן צייט, לאחר מאה ועשרים, וועט מען פון זײַנע
יורשים דארפען שנײַדען א פאס ···· זיי וועלען
דארפען אבצאהלען פאר די אלע יאהרען זײַנע,
וואס ער האט קיין צדקה נישט געגעבען. ― ―
― אי וועט מען שנײַדען א פאס!
א וועט מען שנײַדען א הויט! ― אזא קמצן!
― נישקשה: ס'וועט קומען די צייט! ―
שוין נישט לאנג צו ווארטען! ערשט ארום האלבן
טאג, ווען אין בית המדרש איז שוין געווען כמעט
ליידיג פון סתם אידען, זענען זיך צונויפגעקומען
אהין די חברה קדישה אידען; זענען אלע געווען
אנגעטאן, האלב יום-טוב-דיג, און האלב וואכעדיג,
אין בערעל פארבער ― דער גבאי ― אינגאנצען
שבת'דיג: אין סאמעטענעם היטעל, אין דער אטלעס
קאפאטע; און זײַן פנים איז געווען ליכטיגער, די
היץ פון דער מקוה האט געהאט אבגעגעסען די
פארב, וואס איז שטענדיג געווען אין דער הויט פון
זײַן פנים; ― האט זיך בערעל אוועק געשטעלט פאר'ן
עמוד-דאווענען, אין געהאלטן יום כפור קטן; און דאן
מען איז געדענקען שטיל, און מען האט געהונגערט
און געווארט אויף'ן אווענט. ― ― און בײַ בערעל פארבער
אין הויז האבען חברה קדישה ווייבער, צוגעגרייט
די גרויסע סעודה. פון מיינדלען די גאבעטע בראש,
פון באק-אוויוון האט געהעצט א מורא'דיגע היץ
די געגנט האבען זיך דארט געבראטען: פרישע חלות
זענען שוין געלעגען אויף געגרייטע טישען, ―
די פילמעסיקעס מיט פארגליווערטע העכט, האבען
אונטערטעניג געווארט, ― די פלעשער בראנפען
האבען געשמורעט מיט ממזרישע אייגעלעך,
די פעסלעך ביער האבען פון ווינקלען שטיל אין
געקרעכצט, ― איך געדענק עס קלאר, איבער דעם
גאנצען שטעטעל האט געשמעקט מיט געבראטענע
גענז און געהאקטע העכט, ― אין אווענט האט מען
געפראוועט די סעודה. ― ניט ח"ו געשטערט
הלוואי בײַ אײַך ......

59

אין מיין שטעטיל וויס"

# (אַ מעשה שהיה), אליהו הנביא מיט אַ שאלה

ביי אליהו סאָרקעס, דעם בעל עגלה, האט געטראָפען
אַן אומגליק, אין דער יויך פון דער סדר נאכט וועטשע-
רע האט מען געפונען אַ האבערנעם קערענדיל און
דאס גאנצע שטעטיל איז צוליב דעם אויפגערודערט
געווארען, —— אליהו סארקעס איז געווען אַן עלטערער
איד, מיט אַ לאנגע, גראהע באָרד, און אַ שעהנעם
הַדְרַת פנים, ווען ער פלעגט זיך אדומוואשען, אויסקע-
מען זיין באָרד און זיך אָנטאָן בִּגְדֵי-שבת, האט מען
איהם גיכער געקענט אננעמען פאר אַ בַּר אוֹרִין, פאר
אַ איד אַ לַמְדָן, איידער פאר אַן איינפאכען בעל-עגלה,
עפעס איז אויף דיין פנים געלעגען דער חן פון אַ שעהנעם
אידען, אָבוואהל ער איז געווען אַ גרויסער פראסטאק
און האט קוים געקענט דאווענען, - - -

פרום איז ער געווען, אליהו סאורקעס, אום ערב שבת אָדֶער
ערב יום טוב האט ער קיין מאל ניט אונטערגענומען קיין
וויטע נסיעה, כדי ער זאל חלילה ניט פארשפעטיגען און
ניט אריינפאהרען מיט'ן דישעל אין "לְכָה דוֹדִי",
ווי עס פאסירט אפט ביי אַנדערע בעל-עגלה'ס,
ער האט אליין שטרענג אפגעהיט שבת און יום טוב, און
געדעהן, אז זיין קלאטשע זאל אויך ניט עובר זיין אויף
"למען ינוח", פסח צום סדר פלעגט אליהו אנטאָן דעם
קיטעל אזוי ווי אלע גוטע און פרומע אידען, און אָבוואָהל
אין די ארבע כוסות האט ער מעהר באגריף ווי אין דער
הגדה, דאך האט ער פון דער הגדה, אויך קיין זאך ניט
פארפעהלט, אפילו שיר השירים קיין מאל ניט דורכגעלאזט
יענעם ערב פסח ווען די סַבָּה מיט'ן האבערנעם קערענדיל
האט ביי איהם געטראפען, איז ער אויך געקומען אהיים
פאר-נאכט, ער האט נאך אפילו ניט געהאט אנגעביסען,
וויל אונטערוועגס האט ער ניט געקריגען וואס צו עסען,
דאך האט ער דעם עסען פארבויגען, און בעסער געלאפען
אין מרחץ לכבוד יום טוב, ער האט זיך אויסגעקירעוועט
צו געהן אין בית המדרש דאווענען מעריב, אנרייבען חריין
און מאכען אלע הכנות צום סדר, - - - די הגדה האט
אליהו געזאגט, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקען (שאַגאָם)
- טריט ביי טריט, - וויל די עברי פון דער הגדה איז
פאר איהם געווען אַ ביסעל שווערלעך, -- אויף אַן איין
געפאהרענע גריבלעך, למשל, ווי דער דאווענען - פלעגט
אליהו זאגען - געהט עס אַ גאנג: קומט עס אבער
אויף די וועגען וואס מען פאהרט נאָר איין מאל אין
יאהר ווי, למשל, די הגדה, דער מחזור, די סליחה,
די קינה, איז שווערליך ארויסצוקריכען, -- ער האט
דארום געזאגט די הגדה ווארט ביי ווארט, ניט אכטענדיג
דארויף וואס ער איז געווען זעהר הונגעריג . . . . .
אפגעזאגט ווי עס איז די הגדה ביז (גאל ישראל), זיך
געוואשען און געזאגט („על נטילת ידים,) אפגעגעסען
מרור און כורך: און דיין ווייב סארקע, האט דערלאנגט
די יויך.

אליהו האט זיך אַ כאפ געטאָן צום שיסעל אזוי ווי אַ דורשטיגער
דייטש צו ביר, אבער ווי נאר ער האט גענומען די ערשטע
לעפעל צום מויל, ערשט אַן אונגליק! אַ צווייקטער
האבער שווימט אום פון אויבען, אליהו איז אפילו ניט
געווען קיין בעל פחדן, פלעגט שטענדיג פאהרען איינער
אליין ביי נאכט דורך פעלדער און וועלדער, אין די
גרעסטע זאווערוכעס, אין די שרעקליכסטע דונערען
און בליצען, און ער האט זיך ניט אפגעשראקען: - - -
דערזעהענדיג אבער דעם קערענדיל, איז ער אויף =
געציטערט געווארען, אקוראט ווי אַ מַתְּנָה וועלף זאל
איהם אויפ'ן וועג באפאלען, -- און עס איז קיין חידוש
ניט, אליהו האט געוויסט מיט וואס דאס שמעקט,
ער האט געוויסט, אז די וועטשערע קען צוליב דעם
חמצ'דיג ווערען, און אויך די כלים, קען מען אמאל
אויך ניט טאָרען ניצען, און נאך אזא לאנגע צייט ווארטען
אויף דער מלוכה'דיגער סעודה איז טאקע אַ וועהטאג
אין הארצען, אז מען זאל פון איהר גאָר ניט געניסען,
- ניט טראכטענדיג אַ סך האט ער אויף זיך ארויפגעכאפט
דיין אויבער בֶּגֶד און איז געלאפען צו ר' פיניעלע דעם
דַיין פרעגען אַ שאלה, ... ר' פיניעלע האט אליהו'ן ניט
געקענט, וויל ער איז ניט לאנג אנגעקומען אין דעם
שטעטיל, אויף דעם אָרט פון אלטען דַיין ר' יונה'לע
וואס איז געשטארבען, -- ווען אליהו איז געקומען צום
דַיין, האט מען פונקט געעפענט די טיר צו (שפוך חמתך)
און ער האט זיך שְנעל אריינגעכאפט אין שטוב,
פארעסענדיג אפילו צו זאגען "גוט יום טוב", איז ער גלייך
צוגעגאנגען צום טיש וואו ר' פיניעלע איז געזעסען אויף
הסיבבעט, - אנפאנגס האבען זיך די בני בית אַ ביסעל
דערשראקען, עפעס אַן אונבאקאנטער איד און אין דער
ליל שמורים, : אבער באלד האבען זיי פארשטאנען,
אז ער איז מִסְתָּמָא געקומען פרעגען אַ שאלה, און
זיי האבען זיך באַרוהיגט, - וואס וועט איהר זאגען
גוטס? - האט דער דַיין אַ פרעג געטאָן, - איך בין
אליהו דער בעל עגלה - האט דער אורח געענטפערט
- און איך בין אייך געקומען פרעגען אַ דיין תורה,
- אַ שאלה מוזט איהר מיינען, - האט איהם דער דַיין
אונטערגעכאפט, - זאל זיין אַ שאלה, - האט אליהו
געענטפערט מיט זיין בעל עגלה'שע שטימע, -
געפונען אַ האבער אין די יויך, טרייף אדער כשר?
דער דַיין האט עם אנגעקוקט מיט פארוואונדערונג,
עפעס זעהט ער אויס ווי אַ שעהנער איד און רעדט
ווי אַ גראבער יונג, ווי אַ פראסטער נֶפֶש וואס קען
גאָר פראסטער ניט זיין, ! דערווייל האט דער דַיין
דערזעהן דעם קיטעל אונטער אליהו'ס אויבער בגד,
און אַ געדאנק איז איהם דורכגעפלויגען אין זיין קאפ,
אז ער רעדט דא ניט מיט אַ פראסטען בעל-עגלה,

1




# דוד'ס פידעל

א פידעל איז געהאנגען איבער דוד המלך'ס בעט, און ווען עס פלעגט אנקומען די צייט פון האלבע נאכט און דער צפון ווינד פלעגט אין דעם אריינבלאזען, פלעגט די פידעל אנהויבען צו שפילען פון זיך אליין, און דוד פלעגט אויפשטיין פון בעט, און זיך אוועקזעצען לערנען תורה, און אזוי אנלערנען ביז דער מארגענשטערן פלעגט אויפגעהן. און ווען דער מארגענשטערן איז אויפגעגאנגען, זיינען אריינגעקומען די חכמי ישראל, די פארשטעער פון פאלק, און געזאגט אונזער האר קעניג! דיין פאלק ישראל דארף פרנסה. — האט זיי דוד המלך געענטפערט, זאלען זיי גיין און זיך מפרנס זיין איינער פון דעם אנדערען. האבען די אידישע חכמים געענטפערט: א קליין הייפעלע קען ניט זאט מאכען א לייב, און א גרוב קען ניט פול מאכען מיט זיין אייגענע ערד. — האט דוד זיי געזאגט: גייט און האלט מלחמה מיט פרעמדע. — גלייך נאכדעם האט מען זיך בעראטען מיט אחיתופל און מיט די סנהדרין און אויך געפרעגט ביי די "אורים ותומים", איב מען קען די מלחמה געווינען. (ברכות ג)

## פרעה'ס טאכטער און איהרע דינסטען

ווען פרעה'ס טאכטער האט געפונען, אין טייך די קאסטען, אין וועלכע משה רבנו איז געווען בעהאלטען, און זי האט איהם געוואלט רעטען זיין לעבען האבען איהרע דינסטען, גענומען-טענה'ן "פרינצעסין", די וועלט פיהרט זיך אז ווען א קעניג גיט ארויס א געזעץ, — אין אויב די וועלט וויל דעם געזעץ ניט האלטען, — היטען עס כאטש זיינע קינדער און זיין פאמיליע. און די ווילסט ניט פאלגען דיין פאטער'ס געזעץ.! (סוטה יב)

# ר' יהודא בן בבא'ס העלדענטהאט

אמאל איז ארויס א גזרה אויף אידען אז דער וואס וועט געבען סמיכה אויף רבנות, זאל בעשטראפט ווערען מיט'ן טויט. און דער וואס וועט די סמיכה אננעהמען זאל קריגען די זעלבע שטראף. און די שטאדט זאל מען חרוב מאכען, און די גרענעצען פון דעם ארט זאלען פערניכטעט ווערען. — וואס האט געטהאן ר' יהודה בן בבא? ער איז אוועק און האט זיך בעזעצט צווישען צוויי בערג, צווישען איין גרויסע שטאדט און די אנדערע, צווישען איין תחום שבת און דעם אנדערען, — צווישען (אושא און שפרעס). און ער האט געגעבען סמיכה צו פינף זקנים, און דאס זיינען ר' מאיר, ר' יהודה, ר' שמעון, ר' יוסי, און ר' אלעזר בן שמוע.

ווי נאר די אידישע שונאים האבען זיך פון דעם דערוואוסט, זיינען זיי געקומען, — די אידישע חכמים הרג'ענען. — "לויפט!" האט ר' יהודה בן בבא אויסגערופען צו זיינע תלמידים. ענטלויפט און רעטעט אייער לעבען. — "רבי" [redacted] האבען זיי געזאגט, "וואס וועט זיין מיט דיר רבי?" "די בין דאך שוין אן אלטער מאן, און קען ניט לויפען." — איך וועל דא בלייבען און וועל זיך ניט ריהרען פון ארט אזוי ווי א שטיין, האט ר' יהודה געענטפערט. — עס ווערט דערציילט אז די שונאים זיינען פון דארט ניט אוועק ביז זיי האבען אין איהם אריינגעשטאכען דריי-הונדערט אייזערנע שפיזען, און די האבען דאראגעלעכערט זיין קערפער אזוי ווי א זיפ. (סנהדרין יד)

## א מאנ'ס ערשטע ווייב

ר' אלעזר האט געזאגט, — ווען א מאן גט אב זיין ערשטע ווייב, איז די טראגעדיע אזוי גרויס אז אפילו דער מזבח פערגיסט אויף דעם טרערען.

ר' יוחנן האט געזאגט, ווען ביי א מאן שטארבט זיין ערשטע פרוי איז דער אונגליק אזוי גרויס, אזוי ווי דער בית המקדש וואלט חרוב געווארען, אין זיינע צייטען — רבי אלכסנדרי, האט געזאגט, — א מענש וואס זיין פרוי שטארבט ביי זיין לעבען ווערט די וועלט פינסטער פאר איהם. (סנהדרין כב)

## דער טרעגער — אליהו'ס אַ תלמיד

שמעונ'ס זוהן, ר' אלעזר, איז געווען אַ טרעגער,
קומט צו איהם איינמאל אליהו אינ'ם געשטאלט פון אַן
אלטען מאן און זאגט איהם: גרייט צו אַ בְּהֵמָה מיך
איבערצופיהרען, פרעגט איהם ר' אלעזר,! האסטו
עפעס מַשָׂא? ענטפערט דער אלטער: אָט איז
מיין פעקעל, און אָט איז מיין מאנטעל, און לאמער
געהן,- - - וואס זאגט איהר אויף דעם אלטען? —
לאכט איהם ר' אלעזר — אויף מיינע פלייצעס קען איך
איהם נעמען און אוועקטראגען מיט זיין גאנץ געפאק
אין עק וועלט אריין, און ער הייסט מיר גאר איהם
צו גרייטען אַ בהמה!- דיר ווילט זיך רייטען,
אלטיטשקער? - יא- ענטפערט דער אלטער —
ס'איז מיר שווער געהן צופיס,- גיט ר' אלעזר איהם
אויף זיינע פלייצעס און לאזט זיך מיט איהם אין וועג
אריין, טראגט ער איהם בארג ארויף, בארג אראפ,
טהאל אריין, טהאל ארויס, דורך פעלדער, און
דורך וועלדער, - דערשפירט ער ווי דער אלטער
לייגט זיך אָן אויף איהם מיט'ן גאנצען כח,
רופט ער זיך אָן צו איהם: / היי אלטיטשקער,
לייג זיך אזוי נישט אָן, אז נישט וואַרף איך דיך
אראפ, — ווילסט זיך אביסעל אפרוהען? —
פרעגט איהם דער אלטער, — יָא — זאגט ער,
קריכט דער אלטער אראפ, פיהרט איהם אָפּ
אין אַ זייט, וועג אויפ'ן פעלד, דארט זעצען זיך
ביידע אונטער אַ בוים און דער אלטער גיט איהם
פון זיין פעקיל עסען און טרונקען, נאכ'ן עסען
רופט זיך אָן צו איהם דער אלטער! - - -
צו וואס זיך אזוי פלאגען? - איז דען נישט גלייכער
צו טהון דאס וואס דער טאטע? - - - —
ווער וועט מיט מיר זיך אפגיבען צו לערנען מיך,
אפשר דו? - פרעגט ר' אלעזר, - יָא - איך —
ענטפערט דער אלטער, פון דעמאלט אָן —
דערצעהלט מען - האט ער זיך פלייסיג גענומען
צום לערנען ביי'ם אלטען, און דרייצעהן יאהר
דורכאנאנד האט מיט איהם אליהו געלערענט תורה
ביז ער איז געקומען צו סִפְרָא, - ווי ער האט שוין
געהאלטען ביי ספרא, איז - איהם שווער געווארען
צו טראגען אפילו זיין אייגענעם מאנטעל.

## רבי יוסי פון יוקרת,

ר' יוסי פון יקרת האט איינמאל געדונגען ארבייטער צו זיך
אויפ'ן פעלד, האט זיך געמאכט אז ער האט פערשפעטיגט
און נישט געבראכט זיי דאס עסען אין דער צייט, רופען זיי
זיך אָן צו ר' יוסי'ס זוהן: מיר זענען הונגעריג! און האבען
זיך אויסגעזעצט אונטער אַ פייגענבוים, ווענדעט זיך
ר' יוסי'ס זוהן צום בוים און זאגט: פייגענבוים, פייגענבוים,
-- גיב ארויס דיינע פרוכט, און זאלען מיין פאטער'ס
ארבייטער עסען, - האט דער בוים ארויסגעגעבען פרוכט
און זיי האבען געגעסען, דער ווייל איז אנגעקומען דער
פאטער, זאגט ער צו די ארבייטער:- האט אויף מיר
קיין פעראיבעל, איך האב פערשפעטיגט, ווייל איך בין
געווען פערטראגען אין אַ מצוה זאך. זאגען זיי
איהם: זאל דיר אזוי גאט אנזעטען, ווי דיין זוהן
האט אונז אנגזעטעט, - פון וואנען? פרעגט ער
זיי פארוואונדערט, דערצעהלען זיי איהם: —
אזוי, און אזוי איז געווען די מעשה, זאגט ר' יוסי
דעם זוהן: - זוהן מיינער, די האסט בעמיהט דעם
בעשעפער דיינעם ארויסצוברייגען די פראכט
פונ'ם פייגענבוים פאר דער צייט -- דער פאר געה
דו פון דער וועלט פאר דער צייט,

### צוריק צום שטויב

דער זעלבער ר' יוסי פון יוקרת האט געהאט אַ
טאכטער זעהר אַ שעהנע, איינמאל באמערקט
ער, ווי איינער בויערט-דורך אַ לעכיל אין זיין
צוים און קוקט נאך די טאכטער זיינע, כדי צו
זעהען איר שיינהייט, פרעגט ער יענעם: וואס
איז דאס? - ענטפערט יענער: רבי, אויב ס'איז
מיר נישט בעשערט צו נעהמען, זי, ....
זאל איך קיין זכיה ניט האבען חאטש אויף איהר
אַ קוק טהון? -- זאגט ר' יוסי צו זיין טאכטער:
— טאכטער מיינע, די פערשאפסט מענשען ליידען
קעהר זיך צוריק צום שטויב, — און זאלען מענשען
דורך דיר נישט געשטרויכעלט ווערען.

### רבי יוסי'ס עזעל

ר' יוסי פון יוקרת האט געהאט אַן עזעל, אז מ'האט
געדונגען דעם עזעל אויף אַ טאג ארבייט, פלעגט
דער דינגער פאר נאכט נאך דער ארבייט ארויפלייגען
איהם אויפ'ן ריקען דעם לוין פאר'ן טאג,- און ער
האט עס אליין אפגעפיהרט צו זיין בעל-הבית,-
און אויב דער לוין איז געווען עפעס מעהר, אדער
ווייניגער, האט זיך דער עזעל פאַ'ם ארט נישט
געריהרט, איינמאל האט מען פערגעסען
אויף איהם אַ פאר שיך, האט ער זיך נישט געריהרט
פונ'ם ארט ביז מ'האט זיי פון איהם אראפגענומען,

# (אַ מעשה שהיה) אין מײַן שטעטיל — אליהו הנביא מיט אַ שאלה

אדער מיט יענעם אליהו וואס איז מיט פײַערדיגע פערד
ארויפגעפלויגען אויפ'ן הימעל, ער האט זיך שטארק דערשר-
אקען, אבער ער האט זיך געשטארקט און מיט גרויס רעספעקט
זיך אויפגעשטעלט, — אָבי אָבי רֶכֶב ישׂראֵל! —
האט דער דַין געזאגט ציטערענדיג מיט אלע גלידער, —
— איך בין גליקליך וואס איך בין זוכה געווען, אז איהר זאלט
קומען און מײַן הויז, — — רבי. — האט איהם דער בעל עגלה
איבערגעשלאגען די רייד, — איך בין א פראסטער מענש
און איך ווייס ניט וואס איהר רעדט, — איך פרעג אייך אויב
די וועטשערע איז כשר אדער טריף. מײַן איך,
פסח'דיג אדער כראמעצדיג (חמעצ'דיג)? — —
איהר ווילט מיך, הײליגער נביא, אויספרואווען? האט
דער דַין געשטאמעלט, — זאל איך אזוי וויסען פון אַ
שלעכטע יאזדע, ווי איך ווייס וואס איהר רעדט. — האט
דער בעל עגלה געענטפערט, — אַ פערד פרואווט מען
אויס, אבער ניט אַ מענשען! לאזט מיך דא לאנג ניט
שטעהן און פסק'נט מיר די שאלה, ווען ניט,
פארשטעהט איהר מיך, געה איך אהיים און עס די וועטשערע
און די עבֵירה וועט אויף אייער קאָפ פאלען, — — —
מורה הלכה בפני רבו חייב מיתה, — האט פיניעלע
קוים אויסגערעדט, — וואס רעדט איהר מיט מיר טערקיש
— האט אליהו בייז אויסגערופען — ממה נפשך. זאגט
"יא" אדער "ניין", בײַ מיר איז ניטא קיין קונצען. אײנס
פון די בײדע: אז איך פאָהר איז געפאָהרען, ווען ניט
לאז איך די קליאטשע שטעהן אין שטאל און האָדיע,
— אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי. —
— האט דער דַין ווידער געשטאמעלט. —
— רבי, איהר ברענגט מיר ארויס פון געדולד! —
— האט אליהו א געשריי געטאָן. — רעדט בארבורים
(דבורים). לאמיך הערען, מעג מען עסען די
וועטשערע אדער ניט? — — ע... ע... תשבי יתרץ
דאס ליגט בײַ אייך אין די הענד, ווי זאגט איהר? —
האט ר' פיניעלע געזאגט מיט שרעק, — . . . —
— ווי זאג איך? — האט אליהו געענטפערט. — בא. בא.
ווען איך זאל זײַן אַ רב, וואלט איך גע'פסק'נט "כשר"
אַ איד אַן ארעמאַן, א גאנץ יאהר הארעוועט מען, און
מען קומט אפ מיט שיהי פיהי, ערשט יום טוב וואלט
מען עפעס הנאה געהאט פון דער וועטשערע, נאַ דיר
גאָר, אַ האבער!... — אז איהר זאגט אזוי, איז אזוי, —
האט זיך דער דַין אפגערופען — איך טאר זיך ניט
ארײַן מישען — מורה הלכה בפני רבו חייב מיתה,
אליהו האט שוין די לעצטע ווערטער ניט געהערט און
איז שנעל ארויסגעלאפען, ער איז געקומען אהיים
מָלֵא חימה אויפ'ן דַין, און דערצעהלט זײַן ווייב סאַרקע
אז ר' פיניעלע האט גע'פסק'נט כשר און זיי האבען
אפגעגעסען וועטשערע און געענדיגט דעם סדר מיט
פרעהליכע הערצער

אויף מארגען פריה איז דאס גאנצע שטעטיל אויפגערודערט
געווארען, די נײַעס אז דער נײַער דַין האט געהאט התגלות אליהו
האט זיך פארשפרייט איבעראל. און די גאנצע שטעטיל איז
געגאנגען אויף רעדלאך, אין גרויסען בית המדרש. האט
געטאָן אויף טיש און אויף בענק, רעדלאך מענשען זײַנען
געשטאנען און געשמועסט וועגען דער וויכטיגער נײַעס. און
אלע האבען עס אויסגעלעגט צו גוטען, — אלע האבען
אײנשטימיג געזאגט, אז מסתמא האט געזאלט זײַן אַן
עלילת דם אין שטעטיל. און דער הײליגער נביא האט עס
פארהיט. — ר' פיניעלע איז געשטאנען בײַם מזרח וואנט
און זיך געפאטשט אין בײכעל, וואס ער האט די זכיה
געהאט צו זעהן זיך מיט אליהו הנביא פנים אל פנים
און אַ שטאָדט מענשען זאלען וועגען איהם ריידען,
אליהו סארקעס, וואס האט געטראגען אַ האַס אויפ'ן דַין
דערפאר וואס ער האט איהם נעכטען בײַ נאכט אזוי לאנג
אפגעהאלטען, האט באשלאסען צו געהן ספעשיל אין גרויסען
בית המדרש דאווענען און פאר'מסר'ן איהם פאר בעלי הבתים
— ער איז געקומען אין בית המדרש אין סאמע מיטען קאָך
ווען דער עולם האט גערעדט מיט באגײַסטערונג וועגען
דער פאסירונג מיט'ן דַין, אליהו האט ניט געפרעגט
וועגען וואס מען רעדט, — ער איז ארײַנגעלאפען אין
מיטען אַ רעדעל מענשען און געזאגט: — —
— אידען, איך בין איך געקומען זאגען, אז דער נײַער דַין
טויג אויף טוידענד כפרות, נעכטען בײַ נאכט בין איך
צו איהם געקומען פרעגען אַ שאלה, האט ער מיך
אפגעהאלטען אפשר אַ שעה אויפ'ן דײגער, און האט
מיך אנגעדילט אַ מח מיט שטיקלאך שיר השירים
און זמירות, זאל איך אזוי וויסען פון אַ שלעכטע יאַזדע
ווי איך ווייס, וואס ער האט גערעדט, — — —
— בערקע דער שרײַבער וועמען מען האט געהאלטען אין
שטעדטעל פאר אַן אפיקורוס, און וועלכער האט פון
אנפאנג אָן ניט געוואלט גלויבען, אז ר' פיניעלע האט
זיך געזעהן מיט אליהו הנביא, האט פאר'ן עולם
ערקלערט, אז דער דַין האט זיכער אליהו סארקעס
אנגענומען, פאר אליהו הנביא. — דער אמת האט זיך
נאכדעם ארויסגעצייגט, ווען ר' פיניעלע איז צו
געגאנגען און דערזעהן דעם בעל עגלה, .......
דערפאר וואס ר' פיניעלע איז נכשל געווארען, און
צוליב זײַן טעות האט אַ איד געגעסען חמץ אום
פסח, האט מען איהם פון זײַן שטעלע אפגעזאגט,
— און אויסער דעם האט ער אלײן אויך אויף זיך
אַ תשובה גענומען.. — . ! — —

# רבי יהושע בן חנניה

רבי יהושע בן חנניה

ר׳ יהושע אַ חשובֿע תלמוד פון ר׳ יוחנן בן זכאי. „אז וואויל איז זיין מוטער״. —

דער אלטער יונתן בן הרכינס, דערזעהענדיג ר׳ יהושען, האט ער אויף איהם געזאגט — עס געדענקט זיך מיר, אז די מוטער זיינע פלעגט איהם ברייננגען אינ׳ם וויעגעלע אין „בית המדרש אריין, כדי זיינע אויערען זאלען זיך פון קינדוויז אן אנקלעפען תורה ווערטער - — !

ר׳ יהושע איז נישט געווען קיין שעהנער (תענית דף ז׳ עמוד א׳). איינמאל דערזעהט איהם דעם קיסר׳ס טאכטער, רופט זי אויס: אַ, שעהנע חכמה, אין אַ מיסער כלי! רופט זיך אָן צו איהר ר׳ יהושע: „טאכטער מיינע, זאג מיר, אין וואס פאר אַ כלי האלט דיין פאטער, דער קעניג דעם וויין זיינעם? ענטפערט זי: „אין ערדענע כלים״. — ווי פאסט עס — זאגט ער איהר — די גאנצע וועלט האלט וויין אין ליימענע כלים, אין דיין פאטער דער קעניג אויך אזוי? — אין וואס דען זאל ער האלטען? פרעגט זי איהם. — פאר אזוינע ווי איהר פאסט נישט אנדערש ווי צו האלטען אין זילבערנע און גאלדענע כלים. געהט זי אוועק אהיים און זאגט עס דעם פאטער, בעפעהלט ער מען זאל באלד איבערגיסען דעם וויין אין זילבערנע און גאלדענע כלים. דויערט ניט לאנג און דער וויין ווערט זויער, דער פרעגט ער זיך ביי איהר. דער פאטער: — ווער האט עס געראטהען אזוי צו טהון? זאגט זי ר׳ יהושע בן חנניה, שיקט ער איהם רופען צו זיך און פרעגט איהם: ווי פאלסטו אויס אזוי צו ראטהען מיין טאכטער? — אזוי ווי די האט מיך געפרעגט, ענטפערט איהם, ר׳ יהושע — אזוי האב איך איהר געענטפערט.

דער קייזער האט איהם אמאל געפרעגט: וואס איז עפעס אין דעם, וואס דאס שבת׳דיגע געקעכטס שמעקט אזוי גוט. — האט איהם ר׳ יהושע געענטפערט: מיר האבען אזא מין געווירץ, וועלכעס הייסט שבת, מישען מיר דאס דאס אריין אין אונזער עסען און עס שמעקט אונז דאדורך אזוי גוט. — האט דער קייזער געזאגט: — קענסטו מיר אפשר אויך געבען עטוואס פון דעם דאזיגען געווירץ?

האט איהם ר׳ יהושע געענטפערט: ווער עס היט נישט אפ דעם שבת, „דעם קען (מען) דאס דאזיגע געווירץ נישט העלפען״. (שבת דף קי״ט עמוד א׳)

איינמאל האט דער קייזער, וואס זיין נאמען איז געווען האדריאן, געזאגט צו ר׳ יהושע: איך בין בעסער פון דיין רבי׳ן משה, ווייל ער איז טויט, און איך בין לעבעדיג —! האט איהם ר׳ יהושע געפרעגט, קענסטו אפשר ארויסגעבען אַ גזירה, אז מענשען זאלען דריי טעג נאכאנאנד נישט אנצינדען קיין פייער אין זייערע הייזער? יא איך קען דאס! — און ער האט תיכף באלד ארויס געגעבען אַ באפעהל: קיינער זאל זיך נישט דערוועגען, אין רוים אנצינדען קיין פייער, דעם זעלבען טאג אין אבענד הויבט זיך אויף — ר׳ יהושע, און דער קייזער ארויס שפאצירען ארום די טויערען פונ׳ם פאלאץ, האבען זיי פלוצים דערזעהן אַ רויך ארויסגעהן פון אַ קומען, האט ר׳ יהושע געזאגט: זעה, אז ווי לאנג דו לעבסט נאך, פאלגט מען נישט דיינע באפעהלען, — און משה רבנו האט מיט אזוי פיעל הונדערטער יאהרען צוריק ארויסגעגעבען אַ באפעהל, אז מיר זאלען נישט אנצינדען קיין פייער אום שבת, וועט זיך ביז׳ן היינטיגען טאג, ניט קיין שום איד דערוועגען, צו מאכען אַ פייער אום שבת....

## „נעהם אויף שעהן, און זיי פארדיכטיג״

איינמאל איז געקומען צו ר׳ יהושע איינער אַ ארומער דורכגעהער, האט איהם ר׳ יהושע אויף גענומען פאר אַ גאסט, געגעבען עסען און טרונקען, און דערנאך ארויפגעפיהרט איהם אויפ׳ן דאך, — דארט איהם אנגעוויזען אַ נאכט-געלעגער, און ביי׳ם אראפגעהן צוריק האט ער צוגענומען דעם לייטער, — האלבע נאכט שטעהט יענער אויף פאקט-איין די זאכען, וואס געפונען זיך דארטען, און ווי ער לאזט זיך מיט זיי אראפגעהן, פאלט ער אראפ פונ׳ם דאך און צוברעכט זיך די פוס, און די הענד, גאנץ פריה איז ר׳ יהושע ארויסגעגאנגען, געפונט ער איהם ליגען אַ פערוואונדעטען אויף דער ערד. — זאג נור, יונגאטש, ווי קומט עס, אז פון אייערע לייט זאלען אזוינס אפטהון? — — רבי — זאגט איהם יענער — ווער זאל זיך ריכטען אז דו וועסט פון דאנען צונעמען דעם לייטער, דערפאר פלעגט ר׳ יהושע זאגען: אַחשדהו וַאֲכַבְּדֵהוּ (מסכת כלה רבתי [illegible])

# רבי יהושע בן חנניה

ר׳ יהושע האט געהאט א גליק ווערטיל, אין וועלכען
ער פלעגט זאגען, א שלעכט אויג, שלעכטער געדאנק,
און א פיינשאפט צו מענשען, הארגעט אוועק די וועלט.
ער פלעגט אויך זאגען: א חסיד שוטה, און א חיטרע
רשע, און א שלעכטע אידענע, און די מכה פון פרושים,
אט, די פיער מינים מאכען קאלע די גאנצע וועלט״.
פלעגט מען זיך ביי׳עם פרעגען: וואס הייסט א חסיד שוטה?
און ער פלעגט דיי עקלערען, אז א חסיד שוטה
הייסט אזא איינער, וואס זעהט ווי א פרוי טרינקט זיך
אין וואסער, און געהט נישט זי ראטעווען —
ווייל ער האט מורא, אז עס וועט איהם אויסקומען
צו זעהן איהר נאקעטען קערפער, א חסיד שוטה,
אזא איינער וואס זעהט, א קינד טרינקט זיך, און ער
לויפט עס נישט רעטען, ווייל ער האט זיך נישט
אויסגעטוהן די תפילין.

ירושלמי סוטה דף כ״ב

## קראנק געווארען און געזונט געווארען

ווי מען דערצעהלט, זענען רבי׳ס יסורים געקומען
אויף איהם דורך א סבה, און אויך אוועק דורך א סבה.
איינמאל האט מען אין גאס פערביי רבי׳ן דורכגעפיהרט
א קעלבעל צו דער שחיטה, ריסט זיך דאס קעלבעל
אויס, לויפט צו, צו רבי׳ן און אריינשטעקענדיג דעם
קאפ אונטער דער פאלע פון זיין מאנטעל, לאזט
עס ארויס א וויינענדיגען ברום, ווי איינער זאגט: —
„ראטעווע מיך!״ ריסט זיך אן רבי: גיי דיין וועגס,
אויף דעם ביסטו געבוירען געווארען, —
ער האט גאר קיין רחמנות נישט! — האט מען אויב׳ן
געזאגט — זאלען קומען אויף איהם יסורים,
און רבי איז באלד קראנק געווארען.
און א צייט ארום מאכט זיך, אז רבי׳ס דינסט האט
בשעת קעהרען די שטוב געוואלט אויסקעהרען
און ארויסווארפען אויף דער גאס קליינע ווזעליך,
דערזעהט עס רבי, רופט ער זיך אן:
לאז זיי צו רוה, דער רחמנות זיינער (גאט׳ס) איז
אויף אלע בעשעפעניש — שטעהט ביי אונז
געשריבען, — ער האט רחמנות — האט מען אויב׳ן
הימעל געזאגט, — דארף מען אויף איהם אויך
רחמנות האבען, — און דער רבי איז באלד געזונט געווארען

בבא מציעא דף פ״ה

# דאס אויסגעלייזטע קינד

רבי יהושע בן חנניה איז איינמאל געקומען, קיין רוים, האט
מען איהם דערצעהלט, אז עס געפינט דא דא אין דער תפיסה
א אידישער אינגעל, זעהר א שעהנער, מיט ליכטיגע אויגען,
און מיט געקרייזעלטע לאקען״ דאס קינד איז געווען גרייט
צו פארקויפען. צו די אויסגעלאסענע רוימער. האט זיך ר׳ יהושע
אוועק געשטעלט לעבען די תפיסה, — א שמועס צו טהון
מיט דעם ארעסטירטען אינגעל, און ער האט אנגעהויבען
מיט א פסוק פון (ישעיה קאפיטעל מ״ב) (מי נתן למשסה
יעקב וישראל לבוזזים.) ווער האט איבערגעגעבען יעקב׳ן
צו ראבירען, דאס פאלק ישראל, צו די גזלנים?
האט איהם דער ארעסטירטער אינגעל געענטפערט. מיט׳ן
אנדערען פסוק!״ (הלא ה׳ זו חטאנו לו, ולא אבו בדרכיו
הלוך ולא שמעו בתורתו!)״ דאס איז גאט. געגען וועמען
מיר האבען געזינדיגט, נישטוועלענדיג געהן אין זיינע
וועגען, און נישט געהארכענדיג צו זיין תורה) — —
און ווען ר׳ יהושע האט דאס געהערט, האט ער א
זאג געטוהן, איך בין זיכער אז פון דאזיגען אינגעל
וועט ארויסוואקסען — א גרויסער לעהרער ביי ישראל,
איך שווער אז איך וועל נישט אוועקריהרען פון
דאנען, ביז איך וועל נישט האבען דאס אינגעל אויסגעל-
ייזט פאר יעדען פרייז וואס מען וועט פארלאנגען
— האט רבי יהושע דאס אינגעל אויסגעקויפט פון דער
תפיסה. — און עס האט דאן נישט לאנג געדויערט איז
דאס אינגעל געווארען א לעהרער ביי אידען —
און ווער איז דאס געווען? רבי ישמעאל בן אלישע

גיטין דף נ״ח

# די פטירה פון
# דוד המלך

מעהר האט דער מלאך-המות נישט געוואלט.
ווען דער אלטער קעניג איז אראפגעגאנגען פון זיין
צימער, האט זיך אן איינציגע טרעפ אונטער איהם
איינגעבראכען, דוד, איז אראפגעפאלען און ער איז
באלד אויפן ארט, געבליבען אַ טויטער. - דער מלאך ה׳
האט איצט געקענט אויספירען זיין שליחות, ער איז באלד
אוועק אין הימעל ארויין, דוד׳ס ריינע נשמה. — —

## נאכ׳ן אפשטארבען

עס איז באלד, אינעם קעניגליכען פאלאץ, געווארען
אַ גרויסער רעש און צוזאמענגעלאף. ווען דאס
אומגליק איז געשעהן, —— א פאר מינוטען
שפעטער, איז שוין דארט אויך געווען דער יונגער
שלמה און אלע זיבעציג סנהדרין, די קעניגליכע
עצה-געבער און די הויכע בעאמטע פונם קעניגליכע הויף.
אין אנפאנג האט שלמה — געוואלט געבען אַ באפעל
צו די באדינטע, אז זיי זאלען דעם קערפער פון
דוד המלך אריינעמען אינ׳ם פאלאץ, כדי ער זאל
ליגען אין דרויסען, און פארדארבען ווערען
פון דער ברענענדער זון. - - . . . .
אבער דא האבען זיך אריינגעמישט די געלערטע
סנהדרין און נית געלאזט אויספיהרען זיין וואונש,
— ניין, האבען זיי געזאגט — — עס איז געגען אידישען
דין, אַ טויטען קערפער צו רירען פון זיין ארט אין
דעם טאג פון שבת! אפילו קיין איינציגער איבר
פינם טויטען, טאר נישט אוועקגעפירט ווערען פון זיין
ארט. ! — וואס דען זאל איך טאן ? - — —
האט שלמה געפרעגט, מיט אַ שטימע פון טרערען.
— עס איז פאראנען אַן עצה — האט דער עלטסטער
פון די סנהדרין געענטפערט — הייס דיינע
באדינטע, אז זיי זאלען דעם קערפער פון דיין
פאטער ארומוואשען און ארומרייניגען. - -
אבער פונם ארט זאלען זיי איהם נית רירען
דאן זאלען זיי נעמען אַ ברויט אדער, גאָר אַ
לעבעדיג קינד, און דאס ארויפלייגען אויף זיין
קערפער, נאכדעם וועט שוין דערלויבט זיין
אריינצוטראגען איהם אינם פאלאץ — —
וויל נית דעם קערפער טראגען זיי ארויין, —
נאר דאס ברויט, אדער דאס קינד. וואס ליגט
אויף איהם

פונקט אין דער זעלבער צייט, האט זיך פלוצים
דערהערט אַ גרויס געבילערײ פון די יאגד-הינד,
וואס זיינען געווען אין דער קעניגליכער שטאל.:
מען האט נעכטען פארגעסען — האט שלמה זיך
געווענדעט צום עלסטען פון די סנהדרין — צו
צעשניידען דאס פלייש פאר די טעגליכע פארצ׳עס,
וואס די הינט באקומען, מעג מען איצט צעשניידען
אַ געפגר׳טן אקס, כדי מיט זיי פלייש צו פיטערען די
הונגעריגע הינט ? - וואס פאר אַ פראגע איז דאס ? !
- האבען זיך אנגערופען עטליכע פון די סנהדרין - עס
איז דאך זעלבס פארשטענדליך אז מען מעג! ...
די הינט זיינען דאך לעבעדיגע באשעפענישען
און עס איז אויף זיי אַ גרויסער צער בעלי חיים,
אז זיי זאלען נעבעך מוזען הונגערען. טו וואס
די קענסט אבי די דאזיגע גאטס באשעפענישען
זאלען זאט ווערען

- די תורה האט גאר קיין גרונד נית --- האט שלמה
געזאגט מיט אַ זיפץ - בארעכענט נאר גוט, אט דאָ
ליגט מיין באליבטער פאטער. - וועלכער איז מיט אַ
קורצער צייט צוריק געווען אַ לעבעדיגער מענש - אַ
גרויסער און מעכטיגער קעניג - טאר מען איצט נית
רירען זיין קערפער פון ארט. און איהם אריינעמען
אין פאלאץ, כדי די הייליגקייט פון שבת זאל, חלילה,
נית געשטערט ווערען. — ! אבער פון פאסקודנע
הינט וועגען ; - אז זאלען צו פרעסען - מעג יאָ פלייש
האקען, ביינער ברעכען און מחלל שבת זיין ?
איז דאס צו פערשטעהן ? - אזוי איז עס! האבען
די סנהדרין געענטפערט, אזוי איז דאס געזעץ. און
קיין שום מענש האט קיין רעכט נית אנדערש
צו מאכען ! --- · איצט ווייס איך, האט שלמה
געענטפערט אז איך האב רעכט געהאט, ווען איך
האב פארשריבען אין מיינס אַ ספר׳ל ( כי לכלב חי
הוא טוב, מן האריה המת ) (מדרש קהלת) אַ לעבעדיגער
הונט. איז בעסער, און האט מעהר רעכט ווי אַ טויטער
ל׳יב... ✡ דאס איז ■ געווען די ענדע פון איינעם פון
די גרעסטע און וויכטיגסטע פון אלע אידישע
קעניגע, — וועמעס יארצייט אידען האבען קיין
מאָל נית פארגעסען, און דערמאנען איהם צום
גוטען יעדעס יאהר, דעם ערשטען טאג שבועת

דוד מלך ישראל חי וקיים

( שבת דף ל׳ )

# די פטירה פון דוד המלך

דער ערשטער טאג שבועות איז לויט
אידישער טראדיציע, דער יאהר צייט פונ׳ם
גרויסען אידישען העלד, און משורר

## דוד המלך

דער מדרש האט א סאך צו דערציילען וועגען
דער פטירה פון דעם בארימטען אידישען מלך

---

ווען דוד איז שוין אלט און שוואך געווען, האט ער
זעהר שטארק געוואלט וויסען, ווען זיין ענדע
וועט קומען. און וועלכען טאג ער וועט דארפען
אוועקגעהן פון דער וועלט. — — — — —
ער האט וועגען דעם תפילה געטאן און זיך געבעטען
ביי גאט (הודיעני ה׳ קיצי, ומדת ימי מה היא, אדעה
מה חדל אני ? ) (תהלים לט.) -- א, גאט!
לאמיר וויסען, ווי איך האלט אין דער וועלט .....
אבער דער אויבערשטער האט אים געענטפערט:
— ניין! עס איז ניט מעגליך. אז דיין וואונש זאל
דערפילט ווערען! איך וויל ניט, אז א מענש
זאל וויסען דעם טאג פון זיין טויט — איז עס
— פילייכט מעגליך, אז איך זאל וויסען, אין וואס
א טאג פון וואך וועט מיר אויסקומען צו שטאר-
בען ? — האט זיך דוד געבעטען ביים רבונו ש׳ ע׳
יא — דער טאג פון דיין אוועקגיין פון דער וועלט,
וועט אויסקומען אום א שבת! * — — —
— עס וואלט מיר אבער ליבער געווען אז איך
זאל שטארבען א טאג שפעטער, זונטאג —
האט דוד זיך געבעטען, — דאס קען ניט געשעהן
— איז געווען דעם אויבערשטענ׳ס תשובה —
ווייל איך האב שוין באשטימט, — אז דיין זוהן
שלמה זאל איבערנעמען די מלוכה — און אז דיין
הערשאפט איבער׳ן פאלק ישראל זאל זיך אנהויבען
אין א זונטאג — צוויי רעגירונגען צוזאמען קענען
ניט זיין, — אויב אזוי — האט דוד ווייטער געטענהט
— בעט איך, אז דאס זאל פארקומען ערב שבת
— ניין, דאס וויל איך ניט! פאר וואס זאל איך
אפקירצען דיין לעבען מיט א טאג? עס איז
מיר ליבער איין איינציגע תפילה וואס די [redacted]
מתפלל פאר מיר, מעהר ווי טויזענט קרבנות,
וואס דיין זוהן שלמה וועט פאר מיין כבוד
וועגען מקריב זיין אינם בית המקדש.

דוד האט שוין געשוויגען און מער ניט געבעטען
ביי גאט, ער האט שוין געוויסט, אז זיין באשטימ-
טער טאג צום שטארבען, וועט זיין א שבת,
און דערפאר האט ער, — פון איצט אן, יעדען
שבת געהאלטען אין איין עוסק זיין אין תורה און
תפילה, כדי זיין נשמה זאל קומען א ריינע און
קלארע אויף יענער וועלט, ..........

---

## דוד המלך. און דער מלאך המות

א צייט שפעטער, ווען עס איז געקומען די צייט
ווען דוד האט געזאלט שטארבען, איז דאס
געווען אום שבת, ..... דער מלאך המות האט
באקומען דעם אויפטראג, אז ער זאל דוד׳ס
נשמה ברענגען אין הימעל אריין! — —
לייכט איז איהם אבער דאס ניט אנגעקומען.
עס איז גאנץ שווער געווען דעם דאזיגען באפעהל
אויסצופירען, ווען ער איז אריין אינ׳ם קעניגליכען
פאלאץ האט ער דוד׳ן אנגעטראפען ווי ער
זיצט און לערנט, זיינע ליפען האבען א מינוט
ניט גערוהט. און זיינע געדאנקען זיינען געווען
פארנומען אין דברי תורה, דערפאר האט דער
מלאך המות איבער איהם קיין שליטה ניט
געהאט און צו איהם ניט געקענט צוטרעטען. ---
— עס איז אזוי אוועק א שעה, און צוויי, דער מלאך
המות איז מיד געווארען ווארטענדיג. און ער
האט אויך זעהר קיין צייט ניט געהאט. — —
ווייל ער איז שטענדיג זעהר פארנומען אויס צו
פירען גאט׳ס שליחות, אויף דער אייביגער וועלט
צו ברענגען מענשליכע נשמות, אין גיהנום, אדער
גן עדן — לויט ווי זיי האבען זיך פארדינט אויפן
עולם השפל... — האט זיך אבער דער מלאך המות
— — ער איז שוין שטארק געניט אין אזעלכע
זאכען — און עצה געגעבען, ער איז ארויף אויף
די בוימער אין קעניגליכען גארטען און ער האט דארטען
אין די צווייגען, געמאכט א שטארקען גערויש.
אזוי שטארק... אז אויך דער פארטראכטער
דוד המלך האט דאס דערהערט, און ער איז
נייגעריג, געוואלט זיך דער-וויסען. וואס דארטען
אינ׳ם גארטען, קומט פאר. — ווייל קיין דינער איז
פונקט ניט געווען און דער נאהענט, האט ער
באשלאסען אליין ארויסצוגעהן פון זיין צימער
און מיט זיינע אויגען דערזעהן וואס עס איז געשעהן
אין גארטען

# רבי - מאיר ........ און „אַחֵר"

רבי מאיר איז געווען, פון די וויכטיגסטע תלמידים, פון רבי עקיבא. — קיינער ווייסט ניט וועגן זיין אפשטאמונג, .פון וואנען ער איז געקומען. אפילו וועגן זיין נאמען ווייסט ניט גענוי, ווי ער האט געהייסען, זאגען אייניגע, אז האט געהייסען מאיר ;- גערופען האט מען מאיר, ווייל ער האט געמאכט ליכטיג די אויגען פון די חכמים מיט זיין לערנען, — —

טראץ דער צווייפעלהאפטער אָפּשטאמונג פין ר׳ מאיר׳ן האט עם אזא גרויסער מענש ווי ר׳ חנינא בן תרדיון, גענומען פאר אן איידעם, און ער האט איהם געגעבען זיין זעהר געראטענע טאכטער, ברוריה, פאר אַ ווייב, — אין אנהויב האט ר׳ מאיר געלערנט ביי ר׳ ישמעאל׳ן, און דער נאך האט ער געלערנט ביי ר׳ עקיבא. ( ערכין דף י״ג עמוד א׳ ), אויסערדעם האט ער געלערנט ביי אלישע בן אבויה, — —

איינמאל אין שבת האט ר׳ מאיר געדרש׳ענט פאר׳ן עולם אין בית־המדרש אין טְבֶרְיָא, — און אין דער זעלבער צייט, האט אלישע, דיין פריהערדיגער רבי ארום געשפאצירט אין מַארק רייטענדיג אויף אַ פערד. קומט מען און מֶע=דערצעהלט עס ר׳ מאיר׳ן, געהט ער צו איהם ארויס, פרעגט איהם אלישע: "וואס האסטו היינט געדרש׳ענט פאר׳ן עולם?" ענטפערט ער: איך האב אנגעהויבען פון יענעם פָּסוק אין אִיוב: „גאט האט געבענשט, איוב׳ס סוף [מעהר] פון זיין אנהויב" דאס הייסט, ער האט געדאפעלט זיין פערמעגען .... [redacted] נו זאג ווייטער, וואס נאך האסטו גע׳דרשענט, זאגט אלישע, צו ר׳ מאיר׳ן, ! איבער יענעם פסוק: ס׳איז איהר. (די תורה), נישט אפצושאצען מיט גאלד און גלאז, — און איהר ווערטה — — פון גינגאלדען געפעס, ווייל גאלדענע כלים ווען זיי ווערען אפילו צובראכען קען מען זיי צורעכט מאכען; — אזוי אויך אַ תלמיד חכם, ווען ער פערזינדיגט זיך אפילו, קען ער נאך צו זיך קומען ווי פריהער. — — . — — . . . . . — —

— אויב אזוי — זאגט ר׳ מאיר — קעהר זיך די אויך אום, — איך קען שוין נישט — — ענטפערט אלישע, — פאר וואס? — —

— איינמאל אין אַ יום־כפור־דיגען טאג, וואס איז אויסגעפאלען אין שבת, האב איך שפאצירט, אויף אַ פערד רייטענדיג, — הינטער׳ן בית־המדרש,

האט זיך פון דארט געלאזט הערען אַ בַת־קול, וואס האט הילכיג ארויסגערופען: קעהרט זיך צוריק, פערשייטע קינדער, קעהרט זיך צו מיר, וועל איך זיך צוריקקעהרען צו אייך, — אלע, — אויסער „אַחֵר", וואס ער ווייסט גוט מיין מאכט, און דאך איז ער געגען מיר ארויסגעטראטען.! —

— געקומען צו אַ תחום־שבת, רופט זיך אָן אלישע: „מאיר. קעהר זיך אום צוריק, נאך די טריט פון מיין פערד בין איך זיך מְשַעֵר, אז מיר האלטען שוין ביי אַ תחום־שבת" — קעהר זיך דו אויך אום צוריק — זאגט איהם ר׳ מאיר, —

— פאר מיר — ענטפערט ער — איז שוין נישטא קיין וועג צוריק, שוין איינמאל דיר געזאגט, אז איך האב געהערט א בַת־קול (מַאחוֹרֵי הַפַּרְגּוֹד) (פון הינטער׳ן פארהאנג) ארויס,: „קעהרט זיך צוריק פערשייטע קינדער. אויסער אַחֵרן" — — —

(פאר וואס האט מען גערופען, אלישע בן אבויה. אַחֵר)

און ווי קומט עס אלישע, זאל אראפ פונ׳ם גלייכען וועג? דערצעהלט די לעגענדע אזוי, איינמאל איז ער געזעסען און געלערענט אין טהאַל גֵינוֹסֵר, זעהט ער, אין אַ שבת טאג ווי אַ יוד קלעטערט ארויף אַ שפּיץ בוים, צו אַ פויגעלנעסט, נעהמט ער. און אוועק געשיקט די מוטער, ווי די תורה הייסט, און צוגענומען די קליינטשיגע פייגעלעך — — און איז צוריק אראפ בשלום: אבער ־ ווי נאר ער איז אראפ בשלום. האט איהם אַ גיפטיגע שלאנג אַיהם א ביס געטהון און ער איז געפאלען טויט.

( דברים כ״ב׳ תֵּצֵא )

האט זיך אלישע פערטראכט: וואס הייסט עס. די תורה זאגט: „אוועקשיקען זאלסט די מוטער, און די קינדער מעגסטו נעהמען זיך. און דער פאר וועט דיר וואויל געהן, און די וועסטו האבען לאנגע יאהר" — — וואו-זשע, איז דאס וואויל פון דעם דאזיגען. און וואו זענען די לאנגע יאהרען זיינע? — און באלד נאכדעם האט ער אפגעטראטען פון יודישקייט, — דעמאלט האט מען אויף איהם געזאגט: „אחר" אַ אנדערער איז ער געווארען, — — — ר׳ מאיר, פאר וואס? — האסטו געלערנט תורה פון אחר׳ס מויל — — וואס מאכט עס אויס? — ר׳ מאיר האט באקומען אַ מילגרוים, האט ער דאס אינעווייניגסטע גענאַסֶען און דאס שאלעכץ אוועק געווארפען

## ינאַי פאר שמעון בן שָטַח'ס געריכט

איינמאל האט דעם קעניג ינאי'ס אַ קנעכט געהרג'עט
אַ מענשען, האט ר' שמעון בן שָטַח, דער נָשִׂיא פון
די סנהדרין, איהם געהייסען ארויסרופען פאר'ן געריכט,
שיקט מען צו'ם קעניג ינאי: דיין קנעכט האט געטויט
אַ מענשען, שיקט ער אוועק דעם קנעכט פאר'ן געריכט
באפוילט מען איהם ווייטער: לויט'ן דין פון דער תורה
מוזטו אליין, דער אייגענטימער פונ'ם פערברעכער,
אויך זיך שטעלען צוזאמען מיט איהם פאר'ן געריכט
— פאלגט ינאי און קומט, שטעלט מען איהם אַ שטוהל
נעבען שמעון בן שטח: און ער האט זיך געזעצט,
רופט זיך אָן צו איהם שמעון בן שטח: קעניג ינאי,
שטעל זיך אויף צום דין און זאל מען די עדות
= געגען דיר אויסהערען — אזוי הייסט אונזער תורה,
זאגט ינאי: אזוי זאגסט די, וואס זאגען אבער דיינע
חברים, ווענדעט ער זיך רעכטס, לאזען די ריכטער
אראפּ די אויגען צו דער ערד, — לינקס - אויך דאס
זעלבע, אויפגעבראכט פון אזא משא-פנים, שרייעט
שמעון בן שטח אויף זיי אָן: איהר זענט אָפּגעהערציג
— זאל גאט דער יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת מיט איך זיך רעכנען
! געשעהט אַ וואונדער און אלע ריכטער ווערען —
פלוצלינג נידערגעווארפען צו דער ערד און בלייבען
אין אהנמאכט, ווערט דער קעניג דערציטערט.
שרייעט ווידער אויס ר' שמעון בן שטח: שטעל זיך
אויף, זאל מען געגען דיר עדות זאגען, נישט פאר
אונז שטעלסטו זיך אויף, נאר פאר דעם שעפער
פון דער וועלט, און ינאי, האט זיך באלד אויף געשטעלט
אויף די פיס. (סנהדרין דף יט')
פון דענסמאל אן איז פעסטגעשטעלט געווארען
געזעץ, אז אַ קינג דארף ניש משפטין, —
און ער דארף אויך נישט גמשפט ווערען. — —
און מען (טָהֵור) טַאר עס נישט רופען אלעס (עדה)
עדות, - און מען דארף אויך נישט זיין קיין עדות
געגען איהם (ירושלמה פרק ב' הלכה כ"ה) (סנהדרין יט)

## קדש השם

צולעב די אומשטענדען האט ר' שמעון בן שטח
דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען, פארבראכט אין
ארעמקייט, — האבען איהם זיין קענטינסע נישט
געבראכט קיין פרנסה, האט ער דעמאלס געהאנדילט
מיט פלאקס, אויף צו האבען אשטיקעל ברויט, —
איינמאל האבען זיינע תלמידים איהם געקויפט
אַן עזעל ביי אַ ישמעאלי, אז ווען מען האט
אהיים געבראכט, האבען זיי געפונען. אַ ברילאנט
אין אַ באַטעלע הענגען אויפ'ן עזעלס האלז, —
האבען די תלמידים, אַ זאג געטהון צו זייער רבין
— גאטס ברכה האט אייך יעצט רייך געמאכט.
— האט ער זיי געענטפערט, איך האב בלויז
געקויפט דעם עייזעל, נישט אבער קיין שטיין,
— איז ער געגאנגען און האט דעם שטיין צוריק
געגעבען צום ישמעאלי וועלכער האט אויס גערופען
: געלויבט איז דער גאט פון שמעון בן שטח
(ירושלמה פרק ב' הלכה כ"ה)

איינמאל, האט שמעון בן שטח, געזעהן ווי איינער
האט נאכגעיאגט אַ צווייטען מיט אַ מעסער אין
אַ חורבה, אין שמעון איז איהם נאכגעלאפען,
האט ער דאַן דערזעהען ווי דאס מעסער איז
פארבלוטיגט אין האנד פון רוצח ,,,, און אַ מענש
אַ געהארגיטער האט זיך גיצאפעלט אין יסורים,
פון גסיסה, האט דאַן שמעון געזאגט צום רוצח:
רָשָׁע! - ווער האט דא, דעם מענשען געהארגעט
? - איך אבער די ? איז דיין מזל, וואס קען דיר
גאר נישט טהון, — ווייל די תורה הייסט ברענגען
צוויי עדות צו אזא משפט, און דיך האב איך
נור איינער אליין געזהען (סנהדרין דף ל"ז

# רבי מאיר'ס פַּרְנָסָה

רבי מאיר איז געווען א סופר, אַ גרויסער קינסטלער אין זיין פאך, פלעגט ער פון זיין מלאכה אויסארבייטען דריי טאלער אַ וואך, — איינעם האט ער אויסגעגעבען אויף עסען און טרינקען, איינעם אויף קליידען זיך, און מיט איינעם פלעגט ער אונטערהאלטען ארימע תלמידי חכמים, — פרעגען איהם זיינע תלמידים: רבי, און דיינע אייגענע קינדער פערזארגסטו גאר נישט, — — ס'איז איבריג — ענטפערט דרויף ר' מאיר — וועלען זיי זיין פרום און ערליך, וועט זיי גאט געווים שוין נישט פערלאזען, ווי זאגט עס דוד המלך אין תהלים, יונג בין איך געווען, אלט בין איך געווארען, און איך האב קיינמאל נישט געזעהן אַ פארלאזענעם צדיק, וואס זיינע קינדער זאלען דארפען בעטען ברויט, — און אויב זיי וועלען ניט קיין צדיקים, איז צו וואס זאל איך איבערלאזען געלד פאר די שונאים פונ'ם אויבערשטען?

(זעה קהלת רבה פרשה ב' פיסקא כ"ב),

## ר' מאיר דערצעהלט:

— ווען איך בין אנגעקומען צו רבי ישמעאל'ן ביי איהם לערנען תורה, פרעגט ער מיך: — זוהן מיינער, מיט וואס בעשעפטיגסטו זיך? ענטפער איך: אַ סופר בין איך, זאגט ער ווידער: — זוהן מיינער, די אין דיין ארבייט שטארק פארזיכטיג, ס'איז אַ הייליגע ארבעט: איין אות צוגעלעגט, אדער פֶערפעהלט — קען דאס מאכען אַ גאנץ איבערקעהרעניש אין דער וועלט.)

## צוריקגעגיבען דעם פִּקָדוֹן

איינמאל שבת פאר-נאכט, אין דער צייט ווען ר' מאיר איז געזעסען אין בית-המדרש, און געדרש'ענט פאר עולם, זענען ביי איהם אין דער היים געשטארבען זיינע צוויי זיהן, נעהמט די מוטער און לעגט זיי ביידע אויף איין בעט, און דעקט זיי איבער מיט אַ ליילעך, — שבת, צו-נאכט, וואז ר' מאיר איז געקומען פון בית-המדרש אהיים, פרעגט ער ביי איהר: וואו זענען עס ביידע קינדער? ענטפערט זי: — זיי זענען אוועק געגאנגען אין בית-המדרש, זאגט ער: איך האב זיך גוט צוגעקוקט אין בית-המודרש און איך האב זיי נישט באמערקט, דערלאנגט זי איהם אַ כוס וויין און ער מאכט הבדלה, —

נאכדעם פרעגט ער ווידער: וואס הייסט עס, וואו קענען זיין ביז איצט ביידע קינדער? זאגט זי: „זיי האבען אן ארט וואו זיי געהען זיך אהין דורך, — באלד וועלען זיי קומען." דערלאנגט זי איהם עסען, — ווי ער האט אפגעגעסען, רופט זי זיך אָן צו איהם: "רבי, איך האב צו פרעגען ביי דיר אַ שַׁאֲלָה, זאגט ער: „פרעג", זאגט זי, פריהער מיט אַ טאג, האט איינער ביי מיר איינגעלעגט אַ זאך, און היינט קומט ער עס אפנעהמען צוריק, דארף איך עס איהם אפגיבען, צו ניין? — טאכטער מיינע — ענטפערט ער — — וואס פאר אַ שאלה איז עס? אַוַדָאי אַן איינגעלעגטע זאך דארף מען אפגיבען דעם וועמענס דאס איז, זאגט זי, אָן דיין וויסען וואלט איך עס נישט אפגעגעבען: — — — , און ביי די ווערטער נעהמט זי איהם אָן ביי דער האנד, פיהרט איהם ארויף אין אויבערשטובעל גלייך צום בעטיל, און דעקט-אפ דעם ליילעך, — ווי ר' מאיר האט דערזעהן ביידע זוהן ליגען טויט אויפ'ן בעטיל, האט ער אנגעהויבען וויינען און שרייען: ..... — אוי קינדער מיינע — זוהן מיינע! רַבֵּיים מיינע, לעהרער מיינע! — מיט אייער גוטע אויפפיהרונג: לעהרער מיינע — מיט אייער דערלויכטען מיר די אויגען אין דער תורה! — רבי, — זאגט זי צו איהם — ערשט האסטו דאך אליין מיר געזאגט אז אַ פִּקָדוֹן מיז מען אפגעבען דעם וועמען ער געהער, — גאט האט געגעבען, און גאט האט אפגענומען, זאל גאט'ס נאמען זיין געלויבט און געבענשט, — . — . — . —

## (לאזען אויפהערען די זינד)

ר' מאיר האט געהאט שְׁכֵנִים אויסעלאסענע און שלעכטע מענשען, פלעגען זיי איהם אנטהון פיעל שמערצען, ביז די האבען איהם געבראכט דערצו, אז ער האט געבעטען אויף זיי דעם טויט, רופט זיך אָן צו איהם (בְּרוּרְיָה זיין פרוי): ניין מיין מאן, נישט אויף די זינדיגע דארף מען בעטען זיי זאלען אומקומען, נאר אויף די זינד, און דאס איז דער אמת'ער מיין פון דוד-המלך'ס ווערטער: „לאזען אויפהערען די זינד — וועלען קיין פערברעכער ניט זיין", גלייכער בעט גאט זיי זאלען בעסער ווערען, האט ער אזוי געטהון — און פון זיינע שלעכטע שכנים זענען געווארען גאהר עהרליכע און פיינע לייט — — —

ברכות דף י'

# רבי מאיר

ר׳ מאיר איז אויך גוט באקאנט מיט זיין אפגעהיטענקייט אקעגען פרויען און ער פלעגט געוועהנליך. אפלאכען פון יענע מענשען, וואס פאלען אריין אינ׳ם נעץ פונ׳ם יצר־הרע, זאגענדיג, אז אַ מענש מיט שכל דארף זיך שטארקען איבער׳ן יצר־הרע, — האט פון דעסטוועגען מיט איהם אליין פאסירט אַ מעשה, וואס ער פלעגט זיך שפעטער וועגען איהר זייער שעהמען, — — —

געהענדיג אמאל ביי ברעג פון אַ טייך, האט זיך דארט דער יצר הרע, צו איהם באוויזען אין דער געשטאלט פון אַ שעהנער פרוי, וועלכע איז געשטאנען אויף דער אנדערער זייט פונ׳ם טייך, און זי האט צו איהם אזוי הארציג געווונקען, אז ער האט זיך אזש נישט געקענט איינהאלטען און ער האט געוואלט, אריבערשווימען איבער׳ן טייך.... — האט ער דאס אבער נישט געקענט — און אַ שיפעל אויף אריבערצופאהרען איז דארט אויך ניט געווען, בלויז אין מיטען טייך האט ער געזעהן שווימען אַ ברעט, — און ער האט געדענקט, אז ער וועט נור דאס דאזיגע ברעט דערגרייכען, וועט ער שוין קענען אריבערקומען אויף דער צווייטער זייט ~~האט וועט ער שוין קענען אריבערקומען~~

האט ער גענומען אַ לאנגען שטריק, וועלכען ער האט גראד געפונען לעבען טייך, האט ער דעם שטריק צוגעוו=ארפען צום שווימענדען ברעט, אין דער האפענונג, אז ער וועט אויף אזא אופען קענען אריבערשווימען דעם טייך, — און ווען דאס איז נאך נישט געווען גענוג, איז ער געגאנגען ביז׳ן האלז אינ׳ם וואסער, — וועלענדיג צוקומען צום ברעט, — איז אבער דערווייל די פרוי פון יענער "טייך פערשווינדען פון זיינע אויגען, איז ער דאַן צוריק געגאנגען צום ברעג אַ פארשעהמטער פאר זיך אליין, וואס ער האט זיך שיער נישט געלאזט פארפיהרען

(קדושין דף פ״א עמוד א׳)

די פרוי פון ר׳ מאיר האט געהייסען ברוריה, זי איז געווען אַ טאכטער פון ר׳ חנינא בן תרדיון, — זי איז די איינציגע פרוי, וועלכע איז דערמאנט אין דער גמרא, אז זי האט פיעל געלערט, און די חכמים פלעגען זיך צוהערען צו איהר מיינונג אין וועלטליכע ענינים, גלייך ווי אין הלכה. (זעה פסחים דף ס״ב עמוד ב׳)

גלייך ווי איהר מאן, האט זיך אויך ברוריה געהאלטען זיכער אין איהר מאראַלישען לעבען, און זי פלעגט חוזק מאכען פון יענעם "כלל", וועלכער איז געווען אנגענומען, ביי אלע חכמים, אז "פרויען זיינען לייכטזיניג פלעגט זי ר׳ מאיר ווארענען, די זאל נישט דערפון לאכען ווייל זי קען אמאל אריינפאלען. — — — —

זי האט אבער געהאלטען, אז ווען אַ פרוי האלט זיך פעסט אין דער מעלה, קען זי ניט קיינמאל פאַרפיהרט ווערען. — האט ר׳ מאיר אַנגעשטעלט זיינעם אַ תלמיד, ער זאל זי איבעררייידען צום זינדיגען, — ער האט געמיינט, אז ווען דער תלמיד וועט זי שוין האבען איבערגערעדט, און זי וועט זיין גרייט צו דער זינד,, וועט איהם דער תלמיד רופען, וועט ער איהר קענען באווייזען, ווי גערעכט די חכמים זיינען, — ווען די האבען געזאגט, אז פרויען זיינען לייכטזיניג, ווען אפילו אזא געלערנטע פרוי ווי זי איז שוין געווען גרייט, צו לאזען זיך פארפיהרען, — — האט אבער דער תלמיד אנדערש געטהון, און ער האט זי ווירקליך פארפיהרט — — און ערשט דער נאך האט ער גערופען ר׳ מאיר׳ן, איז דאן די פרוי געוואהר געווארען, אז ר׳ מאיר האט דעם פארפיהרער באשטעלט, און ער ווייסט שוין אויך, אז זי איז פארפיהרט געווארען, האט זי זיך פאר חרטה אויפגעהאנגען

(זעה רש״י צו עבודה זרה דף י״ח עמוד ב׳)

רבי אליעזר בן הורקנוס — —

האט געזאגט — די וואונדערליכע ערשיינונגען וואס אידען האבען געזעהען ביי׳ם ים זענען געווען אזוי גרויס, אז אַ שקלאפען, האט דארטען מעהר געזעהן, ווי עס האט אמאל געזעהן, — יחזקאל הנביא, און אלע אנדערע נביאים, — אזוי ווי משה רבנו האט געזונגען אין זיין שירה "זה אלי ואנוהו" — אז יעדער האט געזעהן דעם אויבערשטען פערזענליך, — — וועגען מַן, זאגט ר׳ אליעזר, אז ער איז געפאלען צוויי איילען הויך פון דער ערד, און ווען עס האבען איהם, די אידען געקליבען, — האבען זיי גענומען פון אויבען, נישט פון דער ערד, — איידער דער מַן איז געפאלען — האט ר׳ אליעזר געזאגט — פלעגט קומען אַ צָפון דיגער ווינד, וועלכער האט אויסגעקעהרט די זאמד, פון מדבר, — דער נאך איז געווען אַ רעגען, וועלכער האט אפגעוואשען די ערד, דער נאך ערשט, איז ארונטערגעפאלען, אַ טוי וועלכער האט זיך פאנאנדערגעליגט ווי אַ טישטעך און אויף איהם איז געפאלען דער מַן

# רבי טַרְפוֹן

רבי טַרְפוֹן

ר׳ טרפון איז געווען גערעכענט, צווישען די גרעסטע חכמים פון יענע צייט. — — —
דער תַּנָא ר׳ טרפון, איז געווען זעהר רייך, געהאט פיעל אייגענע גארטענס, מיט פירות,
וועלכע ער פלעגט זעהר זעלטען באזוכען, - געהענדיג אין גאס, פלעגט זיך ר׳ טרפון
האלטען זעהר באשיידען, מען זאל איהם נישט דערקענען, אויסערהאלב פונ׳ם בית המדרש
- ווער, און וואס ער איז, - כדי עס זאל איהם נישט אויסקומען, ער זאל זיך דארפען באדינען
מיט דער תורה. פאר זיין אייגענעם נוצען, בלויז איין מאל האט ער זיך געגעבען צו דערקענען
ווער ער איז, כדי אפצוראטעווען זיך פון קלעפ: מאכט זיך אַ מאל, אז ער איז אריין, אין
איינעם פון זיינע אייגענע גארטען. און גענומען דארט פערזוכען פון די פירות ···· קומט דער
שומר, און זעהט, אַ פרעמדער מענש שטעהט און עסט, - שרייט ער אויס: „אַהַאַ״,
אָט איז דער וואס גַנבִ׳עט די פירות אַ גאנץ יאהר, און האט איהם געוואלט מְכַבֵּד זיין מיט קלעפ,
האט ער אַ זאג געטהון: ״אז אָך און וועה איז צו טרפון, ווען מען האט איהם געקענט
חאפען אלעס גנב!״ האט איהם דער שומר דאן דערקענט און אפגעלאזען, - גיט זיך
דער וועכטער אַ ווארף אויף דער ערד, הייבט אן רייסען אויף זיך די האָר, און וויינט און
שרייט: „רבי, זייט מיר מוחל!״ - - זיי רוהיג - זאגט איהם ר׳ טרפון - מעגסט מיר
זיכער גלויבען, אז יעדען מאל, וואס די האסט, אויף געהויבען דעם שטעקין מיך צו שלאגען,
האב איך דיר גלייך מוחל געווען, - - - מען דערצעהלט, אז אלע זיינע יאהרען האט דער
צדיק רבי טרפון זיך שטארק געערגערט וואס ער האט אויסגענוצט זיין נאמען אויף צו ראטעווען
זיך, - וועה איז מיר - האט ער אלץ געשריגען - צוליעב מיין טובה האב איך זיך בענוצט
מיט דער קרוין פון דער תורה! -

מסכת כַּלָה

(רבי טרפון) מען דערצעהלט האט
ר׳ טרפון, לויט זיין גרויס רייכקייט, נישט
געהאט קיין גענוג אפענע האנד, - איינמאל
בעגעגענט איהם, רבי עקיבא, זאגט ער איהם:
„רבי, ווילסטו אפשר איך זאל [redacted] קויפען אַ
פעלד, פאר אונז ביידע, כדי זיי זאלען זיצען
אין לערנען תורה, - און פרנסה זאלען זיי ציהען
פון יענעם פעלד, - האט ר׳ טרפון געגעבען
צו ר׳ עקיבא, זעקס הונדערט צענטען זילבער
צו קויפען אַ פעלד, - האט ר׳ עקיבא אוועק געגעבען
די גאנצע זילבער צו די ארימע ישיבה לערנער.
אין אַ צייט שפעטער האט איהם ר׳ טרפון
געפרעגט; האסטו געקויפט דאס פעלד, וועגען
וועלכען איך האב דיר געזוגט? - און ווען ר׳
עקיבא האט געזוגט, אז ער האט דאס פעלד געקויפט
האט איהם ר׳ טרפון ווייטער געפרעגט: -
קענסטו מיר אפשר דאס פעלד ווייזען? „ -
נעהמט איהם אָן, ר׳ עקיבא ביי דער האנד און
פיהרט איהם אריין אין בית המדרש, דארטען
רופט ער צו, איינעם פון די שול-קינדער,
מישט איהם אויף אַ מזמור אין תהלים, און
דאס קינד נעהמט ליינען.

דעם תהלים, ווי עס איז געקומען צום פסוק:
(מיט אַ אפענער האנד געגעבען-פאר נויט באדערפטיגע
- פערבלייב זיין ווילטהאט אויף אייביגע צייטען.)
- הערסט רופט זיך אָן ר׳ עקיבא צו ר׳ טרפון -
דאס די פעלד וואס איך האב פאר דיר געקויפט.
- דערהעט דאס, נעהמט ר׳ טרפון קושען
ר׳ עקיבאן! - - רבי מיינער - האט ער
אויסגערופען - פיהרער מיינער - - -
און ר׳ טרפון האט איהם געגעבען נאך פיעל
געלד אויף צוטהיילען מיט דער ברייטער האנד

מסכת כלה

ה׳ והגשע פון חנוגם

## ר׳ יוחנן און ריש לקיש

אײן טאג האט ר׳ יוחנן זיך געבאדען אין ירדן.
האט איהם דערזעהן ריש־לקיש, וועלכער איז דאן געווען
דער אנפיהרער פון אַ באנדע רויבער, און ער איז אריין
אריינגעשפרינגען אין וואסער נאך איהם. די צוויי
האבען זיך איינער דעם אנדערען אַ ווײלע אנגעקוקט
און בעטראכט, ״מיט דײן כח קענ׳לערנען אַ סאך תורה״
האט ר׳ יוחנן געזאגט, ״און דײן שענקייט פאסט זיך
פאר פרויען.״ האט איהם געענטפערט ריש־לקיש,
״אויב די וועסט תשובה טהאָן, און אנהויבען צו
פיהרען אַן ערענטליכען לעבען, וועל איך דיר געבען
מײן שוועסטער, וועלכע איז נאך שענער פון מיר,״
האט ר׳ יוחנן געזאגט — ריש־לקיש האט דעם פארש־
לאג אנגענומען, אבער ווען ער איז ארויס פון וואסער
זיך אנצוטהאן דײנע קליידער, האט ריש־לקיש ניט
געקענט אזוי לייכט שפרינגען ווי פריהער — דער יאך
פון דער תורה, וואס ער האט אויף זיך גענומען, האט
איהם שוין אבגעשוואכט. — ר׳ יוחנן האט איהם גענומען
אהיים, האט מיט איהם געלערנט תנ״ך, אין משנה, און
האט איהם געמאכט פאר אַ גרויסען מענשען, איינמאל
האט מען אין (בית המדרש) זיך מפלפל געווען טומאה.
האט, ר׳ יוחנן געזאגט זײן דין, — ר׳ שלוקיש, האט געזוכט
איהם איבערצושפירען, ר׳ יוחנן האט עס פערדראסען
האט ער איהם געזוגט. ״אַ גזלן פערשטהעט זיך אויף
געוועהר, וואס ער דארף צו זײן מלאכה.״ — ר׳ ריש לקיש,
ווען מען האט שוין יעצט גערופען, רבי שמעון בן לקיש
האט די בעליידינונג ניט געקענט פערטראגען, און ער האט
איהם געענטפערט: ״וואס פאר אַ טובה האסטו מיר געטהאן
? דארט האט מען מיך גערופען רבי, און דאַ רופט מען
מיך אויך רבי!״ — אין איך האב דיר געטהאן די גרויסע
טובה, וואס איך האב דיך געבראכט אונטער די פליגלען
פון דער (שכינה)״ האט ר׳ יוחנן איהם צוריק געענטפערט.
פון גרויס אויפרעגונג, דיינען זיי ביידע קראנק געווארען.
אין ריש לקיש האט געהאלטען ביים שטארבען, דײן
פרוי, וועלכע איז געווען אַ שוועסטער פון ר׳ יוחנן, — איז
געקומען — צו איהר ברודער און האט גענומען וויינען,
זאגענדיג ״ראטעווע מײן מאן, צוליעב מײנע קינדער,
זעה אז איך זאל ניט בלייבען אַן אלמנה.״ — האט איהר
ר׳ יוחנן געענטפערט, מיט אַ פסוק פון (ירמיה מ״ט):
״לאז איבער דײנע יתומים צו מיר, און איך וועל זיי
ערנעהרען, און דײנע אלמנות זאלען זיך אויף מיר פערלאזען״

ר׳ שלקש איז געשטארבען

## ר׳ יוחנן און ריש לקיש

ריש לקיש איז געשטארבען, — נאך זײן טויט, האט
ר׳ יוחנן, חרטה בעקומען און האט זיך שטארק גענומען
צום הארצען, האבען דײנע תלמידים געזאגט: ווער
וועט געהן איהם פרעהליכער מאכען? — זאל געהן — —
ר׳ (אלעזר בן פדת) ווייל ער האט אַ שארפען קאפ. און קען
גוט לערנען; — ער איז געגאנגען האט זיך אוועקגעזעצט
פאר איהם, און אויף יעדע תורה, וואס ר׳ יוחנן האט
געזוגט, — האט ר׳ אלעזר, באוויזען, אז ער זאגט ריכטיג,
״ד׳ מיינסט, אז דו ביזט אזוי ווי ריש לקיש?״
האט ר׳ יוחנן געזאגט, ! ריש לקיש איז געווען
גאנץ אנדערש, אז איך פלעג זאגען אַ תורה, פלעגט
ער בײ מיר פרעגען פיער און צוואנציג קשיות, און איך
פלעג איהם ענטפערען מיט פיער און צוואנציג תירוצים,
און ממילא פלעגט מיר די זאך ווערען קלערער, אבער
דו האלטסט אלץ, אין איין ברענגען, בעווייזען אז איך
זאג ריכטיג, איך ווייס דען ניט אז איך זאג ריכטיג?
און ר׳ יוחנן איז ארויס געגאנגען מיט א צובראכען הארץ
געריסען אויף זיך די קליידער, געוויינט און געשריען
וואו ביזטו ריש לקיש? וואו ביזטו ריש לקיש?
און ער האט אזוי לאנג געשריען, ביז זײן מח האט
זיך געריהרט, האבען דײנע תלמידים ניט געקענט
צוזעהן דײנע גרויסע יסורים, האבען זיי גאט געבעטען,
אין ער איז בעפרייט געווארען פון זײן שווערען לעבען.

(בבא מציעא פ״ד)

# ר' לוי יצחק זוכט אַ שכור

אמאל אין אַן ערב יום כפור פאר נאכט, בשעת דער גאנצער עולם איז געווען פארזאמעלט אינ'ם שוהל צו כל נדרי, האט ר' לוי יצחק גענומען אַ ליכט, און אנגעהויבען זוכען אונטער די בענק, — — — — —

— וואס זוכט איהר רבי? האבען די מענשען איהם געפרעגט — — — — אַ שכור'ן איד זוך איך, און איך קען נישט בשום אופ'ן געפינען! — —

האט ר' לוי יצחק געענטפערט, — דערנאך האט ער זיך אוועקגעשטעלט, אויס טענה'ן זיך מיט'ן אויבערשטען אויף זיין שטייגער, און ער האט אזוי געזאגט: — — אַט זעה, רבונו של עולם, ! —

וואס פאר אַ טייער פאלק דיינע אידען זיינען, די האסט זיי געהייסען עסען און טרינקען, אים ערב יום הכפור, און די האסט זיי צוגעזאגט אז (כל האוכל בתשיעי, מעלה עליו הכתוב כאלו מתענה תשיעי ועשירי) (ברכות דף ח' עמוד ב') —

אז ווער עס עסט און טרינקט אים ערב יום־כפור, ווערד דאס איהם פאררעכענט ווי ער וואלט געפאסט צוויי טאג נאכאנאנד, הײנט לאמיר זעהען, — אז ווען די אומות־העולם וולטען געהאט אזא טאג, — טאַ וויפיל פון זיי וואלטען אצינד געלעגען טויט־שכור, וויפיל פון די וואלטען זיך געוואלגערט אין בלאטע, און וויפיל וואלטען געווען צו'ממית'טע און צו'הרג'טע! ...... אבער גיב אַ קוק אויף דיינע אידען! ביי טאג האבען זיי מקיים געווען דיין מצוה, די האבען געפראוועט אַ יום־טוב'יגע סעודה מיט עסען און טרינקען, ווי די האסט געבאטען, — און יעצט, ווען עס איז נאך אַ שטיק צו נאכט, זיינען זיי שוין אלע אינ'ם בית־המדרש, קיינער פון זיי איז נישט שכור, אלע שטעהן אויף די פיס, געריי'ניגטע און געהייליגטע, גרייט מקבל צו זיין אויף זיך אלע ענויים פונ'ם יום הקדוש, תשובה צו טהון מיט'ן גאנצען הארצען, — ! פרעג איך דיך. — —

רבונו של עולם, צו פארדיענען זיי דיך נישט מיט דעם אליין, די זאלסט זיי מוחל זיין אלע עבירות, און אנשרייבען און אנ'חתמ'נען זיי לחיים טובים מיט אַ שנת ברכה והצלחה?

# אים ערב יום כפור אין שוהל

## אַ דרייפאכער אונגליק

אין ארימע פרוי האט געוואוינט אין נאכבארשאפט פון אַ רייכען מאן, וועלכער האט געהאט אַ סאך פעלדער. איינמאל זיינען די צוויי קינדער פון דער פרוי, ארויס אין פעלד צו קלייבען די אבגעפאלענע זאנגען וואס די תורה האט געהייסען אוועקגעבען צו די ארימע לייט, אבער דער בעל הבית פון דער פעלד האט זיי ניט געלאזט נעהמען, — די מוטער איז געזעסען און מיט גרויס אונגעדולד געווארט, אויף איהרע קינדער, און געזאגט צו זיך אליין: ווען וועלען שוין מיינע קינדער צוריק קומען פון פעלד? — אפשר וועלען זיי עפעס ברייגנען צום עסען? —

און די אונגליקליכע קינדער, האבען מיט ליידיגע הענד, און מיט אַ ליידיגען מאגען. און אהן כחות, זיך געשלעפט אהיים און געזאגט איינער צום אנדערען: ווען וועלען מיר שוין דערלעבען צו קומען אהיים? אפשר האט די מאמע וואס צו עסען פאר אונז, — און ווען זיי זיינען געקומען אהיים מיט ליידיגע הענד, און זייער מוטער האט אויך גאר נישט געהאט צו שטילען זייער הונגער, האבען די קינדער צוגעטוליעט צו זייערע קעפעלעך צו זייער מוטער'ס קניע, און די זיינען אלע אויסגעגאנגען אין איין טאג: — אט פאר אזעלכע זינד ברייגגט גאט אַ פעסט אויף דער וועלט, די וואס האבען קיין רחמנות אויף דעם לעבען פון איין ארימע, מוזען אליין בעצאהלען מיט זייערע לעבענס. (גוט ארײן טראכטען אין דעם) (אבות דר' נתן ל"ח)

## אלישע מיט די פליגלען

איינמאל האט די רוימישע רעגיערונג ארויסגעגעבען אַ באפעהל, דאס ווען אַ איד וועט לייגען תפילין, זאל מען איהם לעכערן דיין מוח; — איז געווען איינער, אלישע האט ער געהייסען; האט ער זיך פאר די גזירה נייט געשראקען, ער האט אנגעטהאן דיינע תפילין און איז אין די ארויס אין מארק האט איהם דערזעהן אַ רוימישער בעאמטער, איז אלישע פון איהם, אנטלאפען: און דער בעאמטער איהם נאכגע־לאפען, ווען ער איז שוין געווען נאהנט נעבען איהם האט אלישע אראפגעכאפט די תפילין, און די באהאלטען אין דיינע הענד, פרעגט דער בעאמטער: וואס האסטו דארט אין דיינע הענד? ענטפערט אלישע: פליגלען פון אַ טייבעלע און אז ער האט דיינע הענד געעפענט האט דער בעאמטער דארט טאקע געפונען פליגלען פון אַ טייבעלע, זייט דאן האט מען אלישע'ן גערופען "אלישע מיט די פליגלען" (שבת קל)

# די פטירה פון מ׳ ר׳ משה רבנו

ר׳ שמעון זאגט. אַז משה איז נישט געשטאָר-
בען, און ווען עס ווערט אימיצער פרעגען אַ קשיא
אויפ׳ן פסוק „וימת משה" דארף מען וויסען,
אז עס איז שוין, אזוי שטענדיג דער שטייגער
פונ׳ם פסוק, וואו עס ווערד גערעדט וועגען דעם
סוף פון צדיקים. הייסט דאס אבער בלויז אויף
אינזער מענשליכען לשון „געשטארבען" —
— און אין אמת׳ן איז דאס נאר אַ פשוט׳ער זאג, ווייל
ווער עס איז אַ גאנצער אין זיין נשמה און די
הייליגע אמונה איז מיט איהם פארבונדען, איז
ביי איהם נישט שייך צו געברויכען דאס וואָרט
„מיתה", ווייל אזא מענש שטארבט נישט,
ער געהט בלויז אוועק פון דער וועלט. — —
— און ווען משה רבנו האט געדארפט שטארבען,
איז געקומען דער מלאך-המות צו משה׳ן, און
ער האט איהם געזאגט: דער אויבערשטער
האט מיך צו דיר געשיקט. ווייל דו דארפסט
היינטיגען טאג שטארבען! — האט איהם
משה געענטפערט: — גיה אוועק פון מיר, ווייל
איך וועל נישט שטארבען, נור איך וועל לעבען
און איך וועל דערצעהלען די וואונדערליכע
מעשים פון גאט! — האט איהם דער מלאך-
המות געענטפערט: דארפסט זיך גאר נישט איבער-
נעהמען, ווייל דער אויבערשטער האט אנדערע,
וואס קענען איהם לויבען, הימעל און ערד, —
לויבען איהם יעדע מינוט און זיי דערצעהלען
דיינע וואנדער! — האט משה אויף דעם געענט-
פערט: ווען איך וועל דעם אויבערשטען לויבען,
וועל איך מאכען הימעל און ערד שווייגען,
די זאלען זיך בעסער איינהערען צו די ווערטער
פון מיין מויל, ווען איך וועל ריידען.!
איז דער מלאך-המות אוועקגעגאנגען —
און ווען ער איז דאן געקומען צום צווייטען
מאל, אויספיהרען דעם אויבערשטענ׳ס
שליחות, האט משה רבנו אנגערופען דעם
„שם המפורש" און דער מלאך-המות
איז ווייטער אנטלאפען, דערנאך איז דער
מלאך-המות געקומען צו משה רבנו צום
דריטען מאל, אויספיהרען זיין שליחות.
האט איהם משה געזאגט: אזוי ווי דיין
שליחות צו מיר איז פונ׳ם אויבערשטען,
מיז איך אננעהמען זיין אורטייל, ווייל גאט
איז גאנץ און זיין טהעטינקייט און אלע דיינע
וועגען זיינען גערעכט. — — — — — !

האט זיך משה רבנו פון דעסטוועגען נישט איבערגעגעבען
צום מלאך-המות, ווייל ער האט דורכאויס געגלוסט.
אריינצוקומען קיין ארץ-ישראל, האט ער אויך זיך
גענומען אַ תענית, געמאכט ארום זיך אַ ראָד, .....
אוועקגעשטעלט זיך אין דער מיט און ער האט געזאגט:
-- איך גיה נישט אוועק פון דאנען, ביז עס ווערט
נישט דעם אויבערשטענ׳ס גזרה אויף מיר בטל
ווערען.! -- דערנאך האט ער זיך אנגעטהון אַ
זאק, געוואלגערט זיך אין אַש און אוועקגעשטעלט
בעטען צו גאט אזוי שטארק, אז עס זיינען אזש
אויפגעטרייסעלט געווארען אלע זיבען הימלען
צוזאמען מיט דער ערד און די גאנצע יצירה,
אין - 515 תפלות האט משה געבעטען,
איז דאס אזוי פיעל, ווי דאס וואָרט (ואתחנן) באטרעפט,
- האט דער אויבערשטער דורך זיין מלאך אכזריאל
געלאזט אויסרופען אין אלע הימלישע טויערען,
מען זאל דארט - משה׳ס תפלות נישט אננעהמען,
ווייל דער גזר-דין איז שוין פארזיגעלט, ..... אין איילעניש
זיינען דאַן אלע מלאכים געלאפען פארשליסען די
טויערען פון אלע הימלען, -- ווייל דער קול פון
משה׳ס תפלות איז געווען גאר אַ שטארקער און ער
האט זיך געשטופט מיט כח, צו מאכען פאר זיך אַ
וועג, ..... דערשראקענע האבען זיך דאַן די רעדער
פון דער. --(הייליגער מרכבה) אפגעשטעלט
און די פייערפלאמענדיגע מלאכים האבען געוויינט,
ווען דער אויבערשטער האט זיי געהייסען נישט
אננעהמען משה׳רבנו׳ס תפלה, - און ווען משהרבנו
האט געזעהען, אז זיינע תפלות העלפען נישט, האט
ער ווייטער געזאגט: פאר דיר, גאטוניו, איז באוואוסט
מיין מיה און מיין צער, וואס איך האב געהאט
מיט דיינע אידען, אליין האסטו אנגעשריבען
אין דיין תורה, אז מען טאָר נישט פארבאהאלטען
דעם לויהן (שְׂכַר) פון אַן ארימען ארבייטער,
אויף וועלכען ער קוקט ארויס, וויל איך דיך יעצט
פרעגען, צי דאס איז די באצאהלונג פאר מיין
פערציג׳ 40 יעהריגע מיה,? האט זיך דער
אויבערשטער אנגעבייזערט אויף משה׳ן, און ער
האט געזאגט: האסט נישט קיין רעכט, איבער-
צוקלערען וועגען מיין גזרה.! - דערנאך האט דער
אויבערשטער געזאגט צום מלאך גבריאל:
(גיה, ברענג מיר משה׳ס נשמה!) — —
האט מַ׳גבריאל געענטפערט: אַ מענש אַזאַ וויכטי-
גער ווי אלע זעקס מאל הונדערט טויזענד אידען,
ווי קען איך איהם ברענגען דעם טויט?

## לכבוד שבת בראשית

דאס ווארט "בראשית"
איז די ראשי תיבות פון ב.ראשונא.
ר.אה. א.לוקים. ש.יקבל. י.שראל. ת.ורה
(גאט האט פון אנהייב געזען אז אידען
וועלן מקבל זיין די תורה) — —
די לעצטע אותיות פון די ווערטער
"בראשית ברא אלוקים" שטעלן
צוזאמען דאס ווארט "אמת". גאט
האט באשאפען די וועלט מיט אמת,
און מענשען דארפען פארטרייבן פון
איר דעם שקר (פון בעל-הטורים)

## דער גהינום איז ביי עס ניט קיין נייעס

א בעל עביר'ניק איז אמאהל געקומען
אויף יענער וועלט און פארשטעהט זיך,
אז מען האט איהם באלד געשיקט אין
גהינום, האט זיך יענער באלד געמאכט
היימיש, אט ווי ער וואלט שוין צו דעם
אלץ געווען צוגעוואוינט פון פריהער,
דאס האט די מלאכי-חבלה שטארק
געוואונדערט און די האבען איהם געפר-
עגט ווי דאס קומט. אז ער זאל עס אלץ
נעמען ווי א געוועהנליכע זאך און זיך
פיהלען אזוי היימיש! — וואס פארשטעהט
איהר ניט? — האט ער געענטפערט —
מיין ווייב האט מיר פאר'ן לעבען נאך
געגעבען צו פארזוכען דעם טעם פון
גהינום. עס איז ביי מיר מעהר קיין נייעס,

## ער האט א סימן אז עס וועט זיין פיש אויף שבת

א מגיד איז געווען אין וועג צו גרייכען
א געוויסער שטעטל אויף שבת. אויפ'ן
וועג האט זיך דער וואגען איבערגעקערט
און דער מגיד, מיט די אנדערע פאסאזשירען
זיינען ארויסגעפאלען. — —
אויפשטעלענדיג זיך, גיט דער מגיד א זאג
— דאס איז א סימן אז מיר וועלען האבען
פיש אויף שבת. פון וואנען נעמט איהר
דעם סימן? — פרעגט מען איהם —
אז מגיד ווערט איבערגעקערט, מאכט
עס דגים - פיש — איז געווען דער ענטפער

## ער זאל ניט דערוועגען, דאווענען

ימים נוראים האט מען ביים טיר פון שוהל
אוועקגעשטעלט א פאליסמאן, אז ער זאל
ניט ארײנלאזען קיינעם, וואס האט ניט
קיין טיקעט, - קומט א יונגערמאן און
זאגט דעם פאליסמאן, אז ער וויל ארײן
פאר א ווײלע און שוהל ארויסרופען
זיינעם א ברודער, - ער אליין, דערקלערט
דער יונגערמאן, געהט ניט אין שוהל,
אבער ער מוז האבען דעם ברודער
וועגען א וויכטיגע ענין, - טראכט זיך
דער פאליסמאן איבער און זאגט: -
- איך האב אן אנזאג פון פרעזידענט
ניט ארײנלאזען קיינעם אהן א טיקעט,
- איך וועל אבער מאכען אן
אויסנאהם מיט אייך, געדענקט-זשע
אבער און דאוונט ניט.......

## דאווענט פון פארענט

א ישוב'ניק האט געהאט יאהרצייט
איז ער געקומען אין ווילנא, אין שול
ארײן, גראד איז ער געקומען שפעט
און מען האט שוין אומעטום אפגעדא-
ווענט, דערווייל האט ער זיך דערוויסט,
אז אין ווילנער גאון'ס קלויז דאווענט
מען שפעט, לויפט ער גלייך אוועק
אהין. ארײנגעקומען אין שוהל, פרעגט
ער ביי קיינעם קיין שאלית ניט און
שטעלט זיך אוועק אויבענאן, דעם
שמש האט עס פארדראסען: -
ווי קומט עס א פראסטער מענש
צו קריכען אויבענאן? - געהט ער צו
איהם, גיט איהם אפ שלום און פרעגט
- - פון וואנען איז א איד - פון א
ישוב נאהענט פון שטאט, ענטפערט
איהם דער ישוב'ניק — —
- ר' איד, איהר האט שוין געדאוונט
פון פארענט? - ניין - ענטפערט
דער ישוב'ניק, - אויב אזוי - זאגט
דער שמש טא זייט אזוי גוט און
קומט ארונטער דאוונען פון פארענט,

## די פרומקייט ווערט באוויזען

די פרימע מוטער איז געקומען יום כפור
ביי טאג פון שוהל אהיים זיך אפרוהען
א ווײלע, אין הויז האט די געפונען איהר
8 יעהריגען זוהן זיצענדיג ביי דער
ראדיא, און אויפ'ן טיש — עטליכע
ביינדלעך .... — — טשארלי, דו
האסט געגעסען די הון און גאר ניט
געפאסט, אוי ווי איז מיר! — —
טשארלי האט איהר פארזיכערט
אז ער האט די הון ניט געגעסען,
און כדי איהר צו באווייזען. אז ער
זאגט דעם אמת, האט ער פון
אייז-באקס ארויסגענומען א פלאש
מילך און גענומען א פאר זופ —
די זעהסט - מאמע - זאגט ער. ווען
איך וואלט געגעסען די הון, וואלט
איך דאך ניט געקענט טרונקען די
מילך פריהער, ווי ס'זיינען אריבער
זעכס שטונדען......

ס'דא וואס צו זאגען אפילו ווען א
דונער טרעפט.

בעריל, - אז עס דונערט דארף
מען מאכען א ברכה, ניט אזוי
שמעריל, — אודאי, די ברכה איז
"שכחו וגבורתו מלא עולם".
בעריל — און ווי אז דער דונער
טרעפט, דארף מען אויך מאכען
א ברכה? - שמעריל — וועגען
דעם קען איך זאגען פון אייגענער
ערפארונג, אז ווען מיר האט
געטראפען דער דונער האב איך
געזאגט **הרי את מקודשת לי**.

# משה רבינו

## פאר וואס איז ער בעשטראפט געווארען

משה רבינו איז געקומען צו גאט מיט אַ טענה: זייט איך
בין געקומען צו פרעה'ן צו ריידען, אין דיין נאמען, האט ער
פאר די אידען נאך ערגער געמאכט, (שמות, ה) האט
דער אייבערשטער אויסגערופען:- ווער צו די וואס זיינען
פון דער וועלט אוועק, און מען געפינט ניט זייער גלייכען
- פיעלע מאל האב דיך בעוויזען צו אברהם, צו יצחק,
און צו יעקב, און זיי האבען ניט געצווייפעלט וועגען
מיר, און זיי האבען מיך ניט געפרעגט (מַה שְׁמֶךָ.?"
ווי מיין נאמען איז;- צו אברהם'ן האב איך צוגעזאגט
אב צו געבען דאס גאנצע לאנד,- און דאך, אז ער
האט געדארפט מקבר זיין שרה'ן, האט ער קיין
פיער איילען ערד, פאר אַ קבר ניט געפונען, ביז ער
האט בעצאהלט פיער הונדערט שקל זילבער, און
פון דעסטוועגען האט ער ניט געצווייפעלט אין מיר,
יצחק'ן האב איך אויך צוגעזאגט אז וועט קענען וואוינען
אין דעם לאנד, און אז איך וועל זיין מיט איהם, און
איהם געבען מיין ברכה, האבען זיינע קנעכט איינ=
מאל געדארפט האבען אַ ביסעל וואסער, און ניט
געקענט קריגען, ביז די האבען געמוזט אנפיהרען
אַ מלחמה פאר אַ טרונק וואסער, און פון דעסטוועגען
האט יצחק אויך ניט געצווייפעלט אין מיר, —
און יעקב'ן האב איך געגעבען, דעם זעלבען —
פערשפרעכען און ווען ער האט געוואלט, אין דעם
לאנד אוועקשטעלען זיין געצעלט האט ער קיין ארט
ניט געפונען, ביז ער האט געמוזט קויפען אַ שטיקעל
לאנד פאר הינדערט-קשיטא, און פון דעסטוועגען
האט ער אויך אין מיר ניט געצווייפעלט,- קיינער פון זיי
האט מיך געפרעגט מיין נאמען, ! און די האסט פריהער
מיך געפרעגט, ווי מיין איז,- און נאכדעם האסטו
מיך פירגעהאלטען וואס איך האב די אידען ניט בעפ=
=רייט אזוי גיך ווי די האסט געוואלט, וועסט יעצט
זעהן וואס איך וועל טהאן פרעה'ן, די וועסט אבער
ניט-זעהן וואס איך וועל טהאן צו די, איין און דרייסיג
מלכים וועמעס לאנד איך וועל אוועק געבען צו די אידען,
(סנהדרין קי"א)

## געדולדיג צו אלעמען

ווען משה איז ארויף אין הימעל האט ער
געפונען, דעם אייבערשטען שרייבענדיג
"ארך אפים", דאס מיינט, אז ער איז געדולדיג
צו די וואס בעגעהען אַ זינד, האט משה געזאגט:
"רבונו של עולם !- דאס מיינט אז די ביזט געדול=
=דיג בלויז מיט צדיקים," האט דער אייבערשטער
געענטפערט: "מיט רשעים אויך". די רשעים
זאלען פערלוירען געהן !" האט משה אויסגערופען
"וועסט זעהן," האט דער אייבערשטער געזוגט,
די וועסט נאך דערמאנען מיינע ווערטער,"- ווען די
אידען האבען געזינדיגט, און משה האט פאר זיי
געבעטען רחמים, האט דער אייבערשטער
געזאגט צו משה'ן: "האסטו דען אליין מיר ניט
~~אז געדולדיג~~ - געזאגט אז געדולדיג זאל איך זיין
בלויז מיט צדיקים.?" "אבער רבונו של עולם !"
האט משה געטענה'ט, "די האסט דאך געזאגט
אז מיט רשעים וועסטו אויך זיין געדולדיג," (סנהדרין קי"א)

# די פטירה פון משה רבנו

האט דאַן דער אויבערשטער געזאגט צום מלאך מיכאל: גיי, ברענג מיר משה'ס נשמה! – האט מיכאל געענטפערט: –אין בין געווען זיין רבי, און ער איז געווען מיין תלמוד, טאַ ווי קען איך איהם יעצט ברענגען דעם טויט? – איז דערנאך דער מלאך סמאל, ארויס געשיקט געווארען, צו ברענגען משה'ס נשמה, אבער אזוי ווי ער איז נעהנטער צוגעקומען צו משה'ן, האט איהם אנגעכאפט אַ ציטער און ער האט מורא געהאט, ארויסצוזאגען אַ ווארט, -- האט משה רבנו דעשפירט, אז סמאל קומט צו'ן איהם, האט ער איהם געפרעגט: – – .... צו וואס ביזטו געקומען? – – – – נעהמען דיין נשמה וויל איך! -- האט סמאל געענטפערט, – ווי קענסטו זיך דערוועגען, די זאלסט דאס וועלען טהון? – האט איהם משה געפרעגט מיט כעס, -- דער באשעפער פון אלע נשמות – האט סמאל געענטפערט – האט מיך געהייסען נעהמען דיין נשמה! – – – די נשמות פון אלע באשעפענישען דיינען איבערגעגעבען אין מיין האנד! – האט סמאל געענטפערט און ער האט געוואלט אויספיהרען זיין שליחות, – איז משה רבנו צו'ן איהם צוגעלאפען מיט זיין שטעקען, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט דער (שם המפורש), – איז סמאל אויף גיך אנטלאפען, האט איהם משה נאכגעיאגט און דערלאנגט איהם אַ קלאפ, אז ער האט איהם שיער נישט בלינד געמאכט, – איז ארויסגעקומען אַ (בת-קול) פון הימעל, אז גאט אליין וועט קומען נעהמען משה'ס נשמה און ער וועט זיך אויך אפגעבען מיט זיין קבורה, – באותו רגע האט זיך משה רבנו צוגעגרייט, צו באגעגענען דעם אויבערשטען, – איז דאַן דער אויבערשטער אליין ארונטער געקומען פון די העכסטע הימלען, צו נעהמען משה'ס נשמה, – דער אויבעשטער האט אויך מיט זיך מיטגענומען דריי מלאכים, דהיינו: מיכאל, גבריאל, און זגזגאל, .... מיכאל האט אויפגעבעט אַ בעט פאר משה'ן, – גבריאל האט אויסגעשפרייט אַ ליינענעס קישען פאר משה'ס צו-קאפענס, און זגזגאל האט צורעכט געמאכט דעם צו-פוסענס,

מיכאל. און גבריאל האבען זיך דאַן אוועקגעשטעלט אויף ביידע זייטען פון משה'ס בעט און דער אויבערשטער האט אַ זאג געטהון צו משה'ן: „מאך צו דיינע אויגען"! – – האט משה פארמאכט דיינע אויגען, דערנאך האט גאט געזאגט – לייג אוועק אַ האנד אויף דיין ברוסט! און משה האט דאס געטהון, — — —

דערנאך האט גאט משה'ן געהייסען צוזאמענגעהמען די פיס – און ווען משה האט דאס געטהון, האט דער אויבערשטער אַ זאג געטהון צו משה'ס נשמה: ...... טאכטערקע מיינע, הונדערט און צוואנציג יאהר האב איך דיך געלאזען אין משה'ס גוף, איז יעצט ענדליך געקומען די צייט, די זאלסט ארויס געהען פון איהם,! ט'ס האט משה'ס נשמה אויף דעם געענטפערט, – – (רבונו של עולם!) אזוי ווי עס נישט פאראהאנען קיין פיינערער גוף פון משה'ן, אויף דער גאנצער וועלט, וויל זיך מיר גאר נישט ארויס-געהען פון איהם – – האט גאט ווייטער געזאגט: – גיי ארויס, נשמה, וועל איך דיך ארויפברענגען אין די העכסטע הימלען, און איך וועל דיך אוועקזעצען אונטער מיין (כסא הכבוד) כסא-הכבוד צווישען אלע שרפים ואופנים! .... און אזוי ווי משה'ס נשמה האט אלץ ווייטער נישט געוואלט ארויסגעהען, האט דער אויבערשטער – משה'ן אַ קוש געטהון און אוועקגענומען ביי איהם די נשמה, האבען אלע הימלען אנגעהויבען וויינען און זיי האבען אַ זאג געטהון: – פארלוירען געגאנגען פון דער וועלט, איז דער פרומסטער מענש! און די ערד האט זיך געשטיקט אין טרערן, און די האט צוגעגע-בען: אז קיין גרעסער מענש איז אויף דער וועלט נישטא!

(זעה אין מדרש רבה פרשה י"א צום סוף)

## פאר וועמען דער ים איז אנטלאפען

מען האט זיך געקלאגט פאר'ן רב אויף דער חברה קדישא פון שטעטעל, אז צו זייער טרינקען איז שוין גאָר נישטאָ קיין מאָס, שטענדיג טרעפט מען זיי שכור, אז עס איז פשוט אַ חרפה דאס צוצוקוקען דער רב האט אבער פארשטאנען, אז אהן דעם ביסעל בראנפען וועט קיין חברה-קדישא ניט זיין און ער האט געזאגט: – נישקשה, עס מאכט ניט אויס, פון אייביג אָן דיינען חברה קדישא געווען שכורים, מיר זאגען אין הלל (הים ראה וינוס) איז דאך די, קשיה, צו וואס האט ער געדארפט אנטלויפען? זאגט אויף דעם די גמרא, אז (ראה ארונו של יוסף'ס) – ער האט געזעהן ווי מען טראגט יוסף'ס ארון, – אזוי גיך ווי דער ים האט געזעהן, אז חברה קדישא געהט, קענען זיי איהם נאך אויסטרינקען, האט ער געמאכט פליטה

## שבע שבתות · זיבען וואכען סְפִירָה · תְּמִימוֹת תִּהְיֶינָה

### וְאֵלּוּ הֵן

חסד א
גבורה ב
תפארת ג
נצח ד
הוד ה
יסוד ו
מלכות ז

### שבוע ראשונה

חסד שבחסד
גבורה שבחסד
תפארת שבחסד
נצח שבחסד
הוד שבחסד
יסוד שבחסד
מלכות שבחסד

### שבוע שניה

חסד שבגבורה
גבורה שבגבורה
תפארת שבגבורה
נצח שבגבורה
הוד שבגבורה
יסוד שבגבורה
מלכות שבגבורה

### שבוע שלישי

חסד שבתפארת
גבורה שבתפארת
תפארת שבתפארת
נצח שבתפארת
הוד שבתפארת
יסוד שבתפארת
מלכות שבתפארת

### שבוע רביעי

חסד שבנצח
גבורה שבנצח
תפארת שבנצח
נצח שבנצח
הוד שבנצח
יסוד שבנצח
מלכות שבנצח

### שבוע חמישי

חסד שבהוד
גבורה שבהוד
תפארת שבהוד
נצח שבהוד
הוד שבהוד
יסוד שבהוד
מלכות שבהוד

### שבוע שישי

חסד שביסוד
גבורה שביסוד
תפארת שביסוד
נצח שביסוד
הוד שביסוד
יסוד שביסוד
מלכות שביסוד

### שבוע שביעי

חסד שבמלכות
גבורה שבמלכות
תפארת שבמלכות
נצח שבמלכות
הוד שבמלכות
יסוד שבמלכות
מלכות שבמלכות

JERUSALEM

## אַ גאַנצען שבת אָהן אַ שיר המעלות"

שמעון ווילענסקי ע״ה וועלכער, אויב איך האָב ניט קיין טעות ניט, איז געווען דער ערשטער מוכר ספרים אין מאָנטרעאָל, האָט מען מיר דערצעהלט דעם פאָלגענדען געשיכטע, — פרייטאָג צו נאַכט איז אָרונטער געקומען צו איהם אין הויז; אויף דע בוליאַן, נעבען סט. קעטרין סטריט. רעפאָרמירטער איד, אין פאַרלאַנגט אַ „שיר המעלות" ווייל זיין ווייב איז געווען אַ קימפעטאָרין, מר' ווילענסקי. זיצענדיג ביי די זמירות, האָט איהם געזאָגט אַז שבת פאַרקויפט ער ניט. — —
און ס'האָט ניט געהאָלפען דעם רעפאָרמירטען. אידענ'ס טענות, אַז ער מוז אומבאַדינגט האָבען אַ „שיר המעלות" אויפצוהענגען ביי דער קימפעטאָרען אין רום, זעהענדיג אַז מר' ווילענסקי וויל עיהם ניט פאַרקויפען אים שבת, האָט דער רעפאָרמירטער איד אויסגעשריען מיט כעס; — צוליב אייער פאַרדאַמטער אָרטאָדאָקסישער פרומקייט, וועט מיין ווייב דאַרפען ליגען אַ גאַנצען שבת, אָהן אַ שיר המעלות"..

## ער קען עברי

אין 1919, איז פאָרגעקומען אַ מזרחי קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאָל, שבת ביי נאַכט, ערב קאָנווענשאָן, האָט געזאָלט פּרקומען אַ העברעאישער מאַסענמיטינג, אין אַ פראָמינענטער היגער שוהל, — מיט הרב ר' מאיר בערלין, אַלעס אַ גאַסט רעדנער, זיצען מיר עטליכע העברעאישע פריינד און דער שוהל, שבת בין השמשות, און מיר פאַרפיהרען אַ שמועס אין העברעאיש, — פלוצלינג קומט צו אַן עלטערער איד, און שרייט אויס מיט כעס; „גוים, אפילו אין שוהל מוזט איהר רעדען גוי'איש? " מיר האָבען איהם פּרובירט באַרוהיגען און געזאָגט, מיר רעדען ניט גוי'איש נאָר העברעאיש, דאָס האָט דעם אידען נאָך מעהר אויפגערעגט, און ער האָט געזאָגט: מיר וועט איהר ניט נאַרען; ניש קשה, איך קען אויך עברי"; געמיינט האָב איך אַז דער איד איז אַ ידישיסט און האָט פיינט העברעאיש, האָט זיך אָבער אַרויס געוויזען אַז טראָץ זיינע דרייסיג יאָהר אין מאָנטרעאָל, האָט ער געקענט אַזוי פיל ענגליש, וויפיל העברעאיש!

## ער העלפט אידען ביי כורעים

פאַר ראש השנה איז געקומען אַ קאַמיטע צו אַ קאָרגען איד, בעטען אַ נדבה פאַר אַן אָרימע פאַמיליע, אָבער ווי שטענדיג האָט ער זיך אָנטזאָגט; זאָגט מיר נאָר' מענדיל האָט איהר שוין ווען אַמאָל געהאָלפען אַ אידען? — האָט דער עלטערער פון דער קאָמיטע איהם געפרעגט — געוויס — האָט ער געענטפערט, — איך העלף אַלע מאָל ראש השנה און יום כפור דעם חזן אויפהויבען ווען ער פאַלט 'כורעים'

אין זומער 1903, איז געלעגט געוואָרען דער ווינקעלשטיין פון דער חברה קדישא שוהל, אויף סט' ארבין, נעבען סט' קעטרין, סטריט, דעם זעלבען טאָג, איז געשטאָרבען אַ פאַרמיע פראָמינענטער מאָנטרעאָלער איד, וועלכער איז געוועזען באַוויסט אַלעס תלמוד חכם, — און דער דאָמאָלסדיגער מאָנטרעאָלער רב וועליכער איז שוין אויפ'ן עולם האמת, האָט ער אָנשטאָט צו רעדען וועגען די שוהל, אויסגענוצט די געלעגענהייט אויסשליסלעך פאַר אַ הספד, דער רב האָט געזאָגט: ס'איז גענוג טרויעריג ווען אַ גביר פאַרלירט צעהן טויזענט דאָלער, אָבער נאָך מעהר טרויעריג איז ווען אַ אָרומאַן פאַרלירט, צעהן טויזענט דאָלער, ...... — אין די גוטע צייטען, ווען אידען זיינען געווען רייך אין תורה, האָבען מיר ניט געקענט פאַרלירען אַ תלמוד חכם, טאָ ווי [redacted] טרויריג איז צו פאַרלאָזען אַ תלמוד חכם היינט ווען מיר זיינען אָרעם אין תורה..

געלט איז עבודה זרה
אַז מען האָט ניט, איז אַ גרויסע צרה

די וועלט איז זעהר שעהן,
נאָר ניט יעדער קען זי זעהן

אַ פערד פאָהרט אויס די גאַנצע וועלט,
און בלייבט אַ פערד

אַז מען גרייט זיך אָן ערב שבת,
האָט מען אויף שבת

בעסער צו עסען ביי זיך ברויט,
איידער ביי יענעם לעקעך

# דער גזר דין פון עשרה הרוגי מלכות

האבען איהם די אנדערע חכמים געענטפערט: טוה
וואס די קענסט און מיר נעהמען אויף זיך אונזער
חלק פון דער עברה.! — האט ר׳ ישמעאל גענומען
און זיך גערייניגט און איינגעהילט זיך אין „טלית״
און תפלין און ארויסגערעדט דעם שם־המפורש,
באלד האט איהם דער ווינד אַ טראג געטהון ארויף
און איהם ארויפגעבראכט אויפ׳ן הימעל, דארטען
האט ער תיכף באגעגענט דעם מלאך (מט״ט,)
(גבריאל., די ביסט עס דער ישמעאל, וואס
דער באשעפער דיינער בעריהמט זיך מיט
איהם אלע טאג, אז ער האט אויף דער ערד אַ
קנעכט וואס זיין געזיכט איז אַן אָפבילד פון
דער געטליכקייט? — — — איך בין עס —
ענטפערט ר׳ ישמעאל, — צוליעב וואס ביסטו
ארויף אהערצו?, — איך בין ארויף צו דערגעהן,
אויב יענע גזירה איז פון גאט אליין גע׳חתמ׳עט —
— יאָ ישמעאל מיין זוהן — ענטפערט איהם גבריאל
— אז אזוי האב איך אונטערגעהערט הינטער׳ן הימעל
פארהאנג (מחורי הפרגוד): צעהן יודישע חכמים
ווערען איבערגעגעבען צום טויט דורך דער רוימישער
רעגירונג —— פאר וואס קומט עס אזוי? פרעגט
ר׳ ישמעאל, — פאר מכירת יוסף — ענטפערט
גבריאל — אלע טאג שטעלט זיך אוועק
די מדת־הדין פאר׳ן כסא הכבוד און טענה׳ט:
״רבונו של עולם, איז דען אפילו איין אות אין
דער תורה דיינער, אנגעשריבען אומזיסט?—
״אז איינער גנבה׳ט אַ נפש און פערקויפט איהם
זאל ער געטויט ווערען״ — האסטו אין דיין תורה
געשריבען,...! און אט האבען די צעהן שבטים
פערקויפט יוסף׳ן, און ביז היינט האסטו זיך פאר
דעם נישט אפגערעכענט, נישט מיט זיי, און ניט
מיט זייערע קינדער, און דריבער איז איצט די גזירה
אויף די צעהן יודישע חכמים, — און ווי ר׳ ישמעאל
איז ארונטער געקומען מיט דער בשורה, זיינען
אנדערע מארטירער געזעסען אין תענית און אין
תפלה, זיי האבען געלערנט די דינים פון פסח,
און אז די גזירה איז שוין גע׳חתמ׳ט, — איז אריינ־
געקומען אַ שליח פונ׳ם קייזער, וועלכער האט צו
זיי געזאגט: איהר האט נאך אלץ געדולט צו לערנען
[— אט אזוי שילדערט דער מדרש, און נאך
איהם דער מקונן פון תשעה באב, ווי דער
פייטן פון דער סליחה אין יום־כפור, דעם גאנג
פון יענער הריגה, אין וועלכען רוים האט
אויסגעהארגעט די שעהנסטע מענשען פונ׳ם
אידישען פאלק, .)

אבער לויט ווי עס ווערד גערעדט וועגען זיי אין דער
גמרא, זיינען זיי געשטארבען אין פערשידענע
צייטען. און ספר "סדר הדורות„ זאגט אויסדריקליך,
אז מען זאל זיך נישט טועה זיין צוליעב דעם, וואס
דער קינה, אדער דער סליחה, צו גלויבען, אז
די "עשרה הרוגי מלכות" זיינען געווען אין איין צייט,
וויל ר׳ שמעון בן גמליאל איז געהארגעט געווארען
אין דער צייט פונ׳ם חורבן, און ר׳ עקיבא איז געהאר־
געט געווארען זעכציג יאהר שפעטער, און די
אנדערע חכמים זיינען גע׳הארג׳ט געווארין נאך שפעטער,
לויט ווי עס ווערד דערצעהלט אין די תלמוד
(מסכת שמחות) איז ארויסגעגעבען געווארען דער
ערשטער טויטען־אורטייל געגען

## רבי שמעון בן גמליאל .: און ר׳ ישמעאל בן אלישע

און ווי רבי ישמעאל האט דאס דערהערט, האט
ער אנגעהויבען יעמערליך צו וויינען, האט איהם
ר׳ שמעון געזוגט " דארפסט דיין צופרידען......
און צום סוף וויינסטו גאר? — האט ר׳ ישמעאל
געענטפערט: נישט וויל איך דארף שטארבען,
וויין איך, נור וויל מיר געהען שטארבען ווי מערדער,
אדער ווי שרעקליכע זינדיגע.!...
חאפט מען ר׳ שמעון בן גמליאל, און ר׳ ישמעאל
כהן־גדול, און מעפיהרט זיי ארויס די ערשטע צום
טויט, האבען זיי זיך ביידע צוויינט, — ! — !—

---

האבען זיי זיך געבעטען ביי׳ם תלין, דער זאגט:
איך בין אַ כהן־גדול, דער זוהן פון א כהן גדול,
פון אהרן הכהן׳ס אייניקליך, טויט מיך פריהער,
איך זאל נישט זעהן דעם טויט פון מיין חבר;
און דער בעט זיך: איך בין אַ פירשט, דער זוהן
פון אַ פירשט, פון דוד המלך׳ס אייניקליך, טויט
מיך פריהער. איך זאל נישט זעהן דעם טויט פון
מיין חבר, — זאגט דער תלין: ווארפט צווישען זיך
גורל, איז געפאלען דער גורל אויף ר׳ שמעון בן גמליאל,
נעהמט דער תלין די שווערד. און האקט איהם אפ
דעם קאָפ, הויבט ר׳ ישמעאל אויף דעם אפגעהאקטען
קאפ, דרוקט איהם צו דער ברוסט, וויינט און שרייט:
„אָ„ הייליג מויל. אָ, מויל, וואס בריליאנטען, אין
דימאנטען און פערעל האבען זיך פון איהם געשאטען,
— ווער האט איצט דיך געלעגט אין דער ערד אריין,
און ווער האט אין דיר דעם צונג אנגעשטאפט מיט
שטויב און אַש.?: אָך און וועה! דאס איז די תורה
און דאס איז איהר (שכר) לוין.!

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND

# „די קְדוֹשִׁים עֲשָׂרָה הֲרוּגֵי מַלְכוּת"

## גֶע׳חַתְמ׳עֶט דִי גְזֵירָה •

ארום דער צייט פון חורבן ביתר. אדער עטוו
אס שפעטער — דער צעהלט די לעגענדע
— זענען אויפ'ן באפעהל פונ'ם רוימישען
שטאטהאלטער אין ארץ־ישראל צעהן
פראמינענטע צדיקים מיט אַ באזונדערם
שרעקליכען טויט, דער הרג'ט געווארען. — — —
קייזער (האדריאן) — דערצעהלט דער
מדרש איכה רבתי — האט זיך דאמאלט
פארגענומען. אפצומעקען אלע אידען פון
אונטער'ן הימעל. — אויף אט אזא אויפ'ן האבען
[illegible] וואהרשיינליך טויזענדער אידען פארלוירען
זייער לעבען. (און ווי עס איז צו זעהען, פון דער
גמרא פסחים דף נ' עמוד א') (און בבא בתרא דף י')
געוועהנליך דערמאנען מיר דעם טויט פון די דאזיגע
"עשרה הרוגי מלכות, די לעגענדע האט אוועקגעשט-
עלט די צאהל. צעהן. פאר יענע קדושים, וועלכע
האבען זיך געצעהלט אין די טויזענדער — —
צוויי מאל אין יאהר ווערט דערמאנט די עשרה ה' מ'
(אין דער קינה "ארזי הלבנון" אים תשעה באב.
און אין דער סליחה "אלה אזכרה' פון מוסף ליום־כפור
— דער מחבר פון דער דערמאנטער קינה. — ווי
פון דער יום־כפור'דיגער סליחה איז נאכגעגאנגען
דער ערצעהלונג פון מדרשים, ווי עס זיינען
דערמאנט די נעמען פון די "עשרה הרוגי מלכות
אין צוויי נוסחאות • איין נוסח

רופט אן זייערע נעמען ווי פאלגט

ר' ישמעאל בן אלישע כהן גדול
ר' שמעון בן גמליאל
ר' ישבב הסופר, ר' יהודה בן בבא
ר' חוצפית המתורגמן. ר' יהודה הנחתום
ר' חנינא בן תרדיון, ר' עקיבה בן יוסף
ר' שמעון בן עזאי, ר' אלעזר בן חרסנא

דער צווייטער נוסח

ר' ישמעאל כהן גדול, ר' שמעון בן גמליאל
ר' עקיבה בן יוסף, ר' חנינא בן תרדיון
ר' חוצפית המתורגמן, ר' אלעזר בן שמוע
ר' חנינא בן חכינאי, ר' ישבב הסופר
ר' יהודה בן דמה, ר' יהודה בן בבא.

גערהאדג'ט האט מען יענע צעהן מארטירער־
— דערצעהלט די לעגענדע, אזוי ווי זיי האבען
פארגעליינט די תורה צום קייזער, זיינען זיי אמאל
געקומען צו דעם דין. — אז ווען איינער גנב'ט אַ
מענשען און פארקויפט איהם פאר אַ שקלאף,
קומט איהם מיתה (שמות כ"א ט"ז) האט זיי דער
קייזער געזאגט, "וואו זיינען אייערע עלטערען.
— די קינדער פון אייער פאטער יעקב, וועלכע
האבען זייער ברודער פארקויפט? — ווען איך
וואלט זיי געקענט קריגען, וואלט איך זיי אויף
דער שטעל צום טויט פאראורטיילט, אזוי ווי זיי
זיינען אבער נישט אין מיין האנד, דארפט איהר
פאר זיי ליידען! — דער קייזער האט זיי אויך
געגעבען דריי טאָג צייט, זיי זאלען זיך צו
גרייטען צום טויט, האט דאן ר' ישמעאל בן
אלישע, געזאגט צו זיינע אנדערע חברים: —
אויב איהר ווילט אויף זיך נעמען אַ טייל פון דער
עבירה. וואס איך וועל יעצט אנרופען דעם
— שם־המפורש, איך זאל קענען מיט זיין
כח ארויפקומען אין הימעל, וועל איך דארט
געוואהר ווערען, צו עס איז טאקי אַזא גזר דין
מין השמים, אויב יאָ וועלען מיר דאס אויף
זיך מוזען נעהמען; — זאנסט קען איך מיך
אנשטרענגען די גזרה בטל צו מאכען מיט'ן כח
פונ'ם שם המפורש

# די גזרה, עשרה פון הרוגי מלכות

און אַ קורצע צייט ארום איז ר' יוסי בן קסמא געשטארבען, זענען מיט געגאנגען אויף זיין לויה אלע גרעסטע לייט פון רוים, - צוריקוועגס געפונען זיי - ווי ר' חנינא בן תרדיון, מיט אַ ספר-תורה אין שויס, זיצט און לערנט. און ארום איהם איז פערזאמעלט אַ גרויסער עולם, - ! ברענגט מען אַיהם פאר'ן געריכט, און מען - - - - - פרעגט איהם: -"פאר וואס לערענסטו תורה געגען דעם קיסר'ס פערבאט? - איך טהו - ענטפערט ער - ווי מיין גאט האט מיר געבאטען„ ! טראגט מען ארויס אַ משפט: איהם צו פאברענען, - דאס וויב זיינס צו קעפען, און די טאכטער זיינע איבערגעבען צו זיצען אין א"שאנד הויז". פיהרט מען ארויס איהם אויף אַ פלאץ, דארט וויקעלט מען איהם איין אין דער ספר-תורה, און מען לעגט איהם ארום מיט טריקענע צוויגען. און מען צינדט זיי אונטער, דערביי נעהמט מען, קנוילען וואל אין וואסער געווייקטע, און מען לייגט זיי איהם אויף זיין בריסט, כדי די נשמה זאל זיך מעהר האלטען וועט ער זיך לייגער פייניגען. - פאטער! - שרייעט אויס די טאכטער זיינע יאמערליך - ווי קען מען דאס צו זעהן? - טאכטער מיינע - ענטפערט ער איהר - ווען איך אליין זאל פערברענט ווערען, וואלט מיך געוויס געארט, - איצט אבער, אז מיט מיר צוזאמען ברענט די ספר תורה - דער וואס וועט זיך אפרעכנען פאר איהר, וועט זיך שוין פאר מיר אויך אפרעכנען, - רופען זיך אָן די תלמידים צו איהם: רבי, וואס זעהן איצט דיינע אויגען? - איך זעה - ענטפערט ער - ווי דער פארמעט ברענט און די הייליגע אותיות פליהען ארויף, - ! האבען איהם די תלמידים געזאגט: רבי. עפען בעסער אויף דאס מויל - דאס פייער זאל דיך גיכער בייקומען, וועלען דיינע יסורים נעהמען אַן עק, - ווער ס'האט מיר געגעבען די נשמה - ענטפערט ער - דער זאל זי נעהמען, איך אליין וועל נישט דערנעהנטערען דעם טויט.

. . .

דא האט שוין דער תַלְין אליין אויך מעהר נישט געקענט צוזעהן ר' חנינא'ס טויט, שמערצען, פרעגט ער איהם: „רבי, אויב איך וועל פערשטארקען דאס פייער און אראפנעהמען די נַאסע קנוילען וואל, וועסטו מיך ברענגען צו חיי-העולם-הבא, צום אייביגען לעבען? יא - ענטפערט ער, - שווער מיר, שווערט ער, האט דער תלין אזוי געטהון, איז די נשמה גיך אויסגעגאנגען, באלד נאכדעם שפרינגט דער תלין אויך אין פייער און ווערט פערברענט, האט זיך געלאסט הערען אַ בַת קול: „ר' חנינא און זיין תלין קומען ביידע גלייך צום אייביגען לעבען (חיי עולם הבא)

די געשיכטע פון ר' יוסי בן קסמא. און זיין געטליכקייט וואס עס ווערד וועגען איהם דערצעהלט, ווי עס האט איהם אמאל איינער אַ גרויסער עושר פון אנדערער שטאדט, פארבעטען, ער זאל זיך באזעצען אין זיין שטאדט, וועט מען איהם געבען מיליאנען גאלדענע דוקאטען, און די טייערסטע איידעלשטיינער, האט ער אויף דעם געענטפערט, אז ווען מען זאל איהם געבען אלעס גאלד און זילבער, און פערעל און איידעלשטיינער, וואס די גאנצע וועלט פארמאגט, וועט ער נישט וואוינען ערגיץ אנדערש ווי נור אין אַן ארט פון לערנען. (אבות פרק ג' משנה ט')

## רבי חוצפית, דער מתרגמן

פיהרט מען דערנאך ארויס ר' חוצפית צום טויט, - ווי מען דערצעהלט, איז חוצפית דער דרשן. - אלט געווען דעמאלט, הונדערט און דרייסיג יאהר און געווען, איז ער זעלטען שעהן, זיין פנים האט געשיינט ווי אַ מלאך פון גאט, - קומט מען און מען דערצעהלט דעם קעניג ווי שעהן, עס זעהט אויס דער גרייז-גראהער מאן - און מען בעט זיך ביי איהם; - קעניג, דערבארם זיך איבער דעם אלטען - פרעגט דער קיסר ביי ר' חוצפית'ן: וויפיעל יאהר ביסטו אלט? - הינדערט אין דרייסיג יאהר, אהן איין טאג, - און איך בעט דיךווארט מיר נאך דעם איינעם טאג, די צאהל [redacted] זאל גאנץ ווערען! - זאגט דער קיסר: - - - איז דען דיר ניט אלצאיינס שטארבען פריהער צו שפעטער מיט אַ טאג? ענטפערט ער: - - איך וויל נאך צוויי מִצְוֹת ערפילען, - - פרעגט דער קיסר - וואס פאר אַ מצוות ווילסטו נאך ערפילען? - צוויי מאל „קריאת-שמע" פון אבענד, און פון פריה; מיר ווילט זיך נאך צוויי מאל ערקענען אויף זיך די הערשאפט פון דעם איינציגען גרויסען פארכטיגען גאט, - זאגט איהם דער קיסר: - איינגעשפארטע, און אונפערשעהמטע: ! ביז וואנען וועט איהר זיך אלץ פערלאזען אויף גאט? - ער איז דאך שוין אַ זָקֵן, און האט ניט קיין קראפט איך צורעטען פון מיין האנד, ווען ניט ער איז שוואך - וואלט ער שוין לאנג זיך אפגערעכענט מיט מיר פאר זיך, פאר זיין פאלק און פאר זיין הויז, - ווי ער האט זיך אמאל גערעכענט מיט פרעה'ן, מיט סִיסְרָא. און מיט אלע קעניגען פון כְּנַעַן, אז ר' חוצפית האט דער הערט ווי דער קיסר לעסטערט אזוי גאט. האט ער מיט גרויס געוויין צוריסען אויף זיך די קליידער, בעפעהלט ער מען זאל איהם באלד טויטען, האט מען איהם פארשטיינט. אין דער נאך אויפגעהאנגען

# עשרה קדושים הרוגי מלכות

ווי ר׳ ישמעאל יאָמערט אזוי- קוקט ארויס דעם
קייסר׳ס טאכטער דורכ׳ן פענסטער, זעהט אַן בלייבט
פערגאפט פון זיין זעלטענער שעהנהייט: ווייל ר׳ ישמעאל
איז געווען איינער פון די זיבען באריהמטע שעהנהייטען
אין דער וועלט, און זיין געזיכט האט געשיינט נאר ווי
פון אַ מלאך. בעקומט די אויף איהם גרויס מיטלייד
און שיקט צו׳ם פאטער: - טהו מיר צוליעב וואס איך וועל
דיך בעטען" ענטפערט ער איהר: וועגען אלצדינג
וואס די וועסט בעטען, טאכטער מיינע, וועל איך דיר
צוליעב טהון,, נאר אויסער וועגען ישמעאל׳ן מיט זיינע
חברים; שיקט זי איהם ווידער: " איך בעט דיך.
שענק איהם דאס לעבען" ניין- ענטפערט ער איהר,
דאס איז אונמעגליך, איך האב געשווירען", „ אויב
אזוי- שיקט זי איהם נאכאמאל- בעפויל מען זאל
איהם אפשינדען גאנצערהייד די הויט פון זיין קאפ
וועל איך זיך אין איהר שפיגלען", האט דער קייסער
אזוי בעפוילען און מ׳האט איהם גענומען שינדען
דעם קאפ, ווי ס׳האט געהאלטען דארט ביי׳ם אָרט
פון תפלין, האט ר׳ ישמעאל ארויסגעלאזט
אַ שרעקליכען ביטערען געשריי, אז הימעל און
ערד זענען פערציטערט געווארען: - - -
אַ צווייטען- נאָך אַ שרעקליכערען געשריי- און דער
כסא-הכבוד איז פערציטערט געווארען. ...... x
„רבונו־של־עולם" - האבען שוין נישט אויסגעה-
אלטען די מלאכי־השרת און גענומען טענה׳ען -
- אזאַ צדיק, וואס דו האסט פאר איהם אויפגעדעקט
אלע שאַצקאַמערען פון די אויבערשטע וועלטען,
און אלע סודות פון די אונטערשטע, זאל אומקומען
דורך אזא ווילדען אומדערבארעמדיגדיען טויט.?
אט דאס איז תורה, און דאס איז איהר לוין? ! -
ענטפערט זיי גאט ברוך הוא: "וואס זאל איך טהון
פאר מיינע קינדער, ס׳איז אַ גזירה, און ס׳איז ניטא
ווער זאל זי אפרופען." לאזט זיך הערען אַ בת־קול:
„ וועט ר׳ ישמעאל ארויסלאזען נאך איין געשריי
קעהרט זיך איבער די גאנצע וועלט" ווי רבי
ישמעאל האט דאס דערהערט, איז ער אַנשוויגען
געווארען, (אויף דער וועלט) און עס איז איהם אויסגעגאנגען
די נשמה

## רבי עקיבא בן יוסף

אז עס איז אנגעקומען צו ר׳ עקיבא׳ן די טרויעריגע
ידיעה וועגען דעם טויט פון די ביידע, איז ער
אויפגעשטאנען, צו ריסען אויף זיך די קליידער,
און זיך אונגעטהון אַ זאק, ...... ! ....

נאָך דעם האט מען זיך גענומען צו ר׳ עקיבא׳ן
וואס האט גדרש׳ענט אלע קרוינדליך פון דער
תורה און ארויסגעפונען דעם אמת׳ען זין איהרען,
פונקט ווי ס׳איז איבערגעגעבען געווארען, צו
משה רבינו׳ן, אויפ׳ן בארג סיני, - - - - -
און אז מען האט איהם ארויסגעפיהרט צו טויטען,
האט מען באלד אויפ׳ן קייסער׳ס באפויל: ר׳ עקיבא׳ן
געשינדען זיין לייב מיט אייזערנע קאמען,- און ביי
יעדעס מאל, ווי דער קאם האט זיך אריינגעשטעקט
מיט דיינע ציי׳הן אינ׳ם לייב און אַ ריס געטהון
אַ שטיק פלייש, האט ר׳ עקיבא, אנגעהמענדיג
פאר ליעב די שרעקליכע ליידען, ! - - -
האט זיך געלאזט הערען אַ בת־קול: אז וואויל
איז דיר, ר׳ עקיבא וואס דו ביסט אַ פרומער, און
גערעכטער, און דיין נשמה איז דיר אויסגעגאנגען
מיט׳ן ווארט „ גערעכטער", - - - -

אז ר׳ עקיבא איז אומגעבראכט געווארען, איז
אנגעקומען די טרויערגע ידיעה צו ר׳ חנינא בן תרדיון
און ר׳ יהודה בן בבא,- זענען זיי אויפגעשטאנען,
צוריסען אויף זיך די קליידער און זיך אַן געטהון זעק,

## רבי חנינא בן תרדיון

דער נאך האט מען זיך גענומען צו ר׳ חנינא בן תרדיון,
- ר׳ חנינא, איז געווען, ווי מען דערצעהלט, זעהר אַ
ליבער מאן, צו גאט און צו לייט, קיינמאל איז אויף
זיין מויל נישט געקומען קיין שלעכט ווארט אויף
עמיצען,- און ווען דער רוימישער קייסער האט ארויס
געלאזט אַ גזירה אויף יודען, אז קיינער פון זיי זאל
נישט לערנען, יענעם קיין תורה,- האט ער נישט
אויפגעהערט צונויפקלייבען ארום זיך אַן עולם, לערנען
מיט זיי תורה און פאר זיי דרש׳ענען, ! - - -
רבי חנינא בן תרדין,- און רבי יוסי בן קסמא
זיינען געווען צוויי חברים, צוזאמען געלערנט,
און ווען דער דאזיגער ר׳ יוסא בן קסמא איז קראנק
געווארען צום שטארבען, איז ר׳ חנינא געקומען
איהם מבקר חולה זיין, האט ר׳ יוסי בן קסמא איהם
אויסגע׳מוסר׳ט, וואס ער שטעלט איין זיין לעבען,
לערנעדיג מיט די תלמידים תורה, האט ר׳ חנינא
אויף דעם געענטפערט; - דער אויבערשטער
אין הימעל וועט האבען רחמנות

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND

# עשרה הרוגי מלכות

זאגט איהם דער קיסר: נאך ביסטו איינגעגלויבט
אין דיין תורה. אין איהר גאט? — געוויס —
ענטפערט ר' יהודה בן דמה; אויף וואס פאר
לוין קענסטו האפען? — זאגט דער קיסר —
אויף דעם האט שוין דוד המלך לאנג געזוגט:
אַ ווי גרויס איז דאס גליק, וואס די האסט אָן
געגרייט פאר די פרימע! — שוטים אזעלעכע ווי
איהר איז אויף דער וועלט נישטו: איהר מיינט
בֶאמֶת ס'איז פארהאן נאך אַ וועלט, — אזעלכע
שוטים ווי איהר איז אויף דער וועלט נישטו!
זאגט ר' יהודה — ווי קען מען עס לייקענען אין
לעבעדיגען גאט, אז אך און ווע. וואס פאר
אַ פנים דו וועסט האבען, אז די וועסט זעהן אונז
אין דער ליכט פון אייביגען לעבען. — און די
וועסט אריינפאלען טיעף אין אייביגען פינסטערניש,
טיעף אין דער ערד. — ווערט דער קיסר אנגעצינדען
און באפעהלט, מען זאל איהם צובינדען פאר די
האָר צום עק פון אַ פערד, און איהם אזוי ארום
שלעפען אין אלע גאסען פון רוים: דערנאך האט
מען איהם צושניטען אויף שטיקליך: — — —
איז געקומען אליהו, — דערמאנט זאל ער זיין
צו גוטען, — און האט אויפגעקליבען זיינע
שטיקער, און די בעגראבען אין אַ הייהל,
נאהענט נעבען דעם טייך וואס פליסט פערביי
רוים, האבען די רוימער געהערט, ווי פון
דער הייהל, טראגט זיך ארויס אַ יאָמֶער מיט
אַ קלאָג גאנצע דרייסיג טעג,
דערצעהלט מען עס דעם קיסר, זאגט ער:
אפילו ווען די גאנצע וועלט וועט אונטערגעהן —
וועל איך נישט רוהען ביז איך וועל אויף די
יודישע זקנים נישט אויספיהרען מיינס, — — ...

## רבי יהודה בן בבא

דערנאך האט מען אומניבראט ר' יהודה בן בבא
מען דערצעהלט אויף ר' יהודה, אז פון
אַכצען ביז אכציג יאהר פון זיין לעבען האט ער
נישט פערזוכט דעם טעם פון שלאף, מעהר
ווי דאס לייכטע, דרימלען פון אַ פערד, — —
איינמאל האט די רוימישע רעגירונג ארויס
געגעבען אויף די יודען אַ גזירה, אז פאר
געבען עמיצען (סמיכה) די אנערקענונג אלס רבי
— — —
[illegible]

זאל אומגעבראכט ווערען, סיי דער וואס וועט זי געבען,
סיי דער וואס וועט בעקומען, סיי אין דער שטאדט,
אדער דעם געגענד ווי די סמיכה וועט פארקומען,
— גיט זיך ר' יהודה בן בבא אַן עֵצָה: געהט און זעצט
זיך צווישען צוויי גרויסע בערג, צווישען צוויי גרויסע
שטעדט, אין דער מיט צווישען (אושא און שפרעם,)
און דארטען האט ער געגעבען סמיכה
פינעף תלמידי־חכמים, ר' מאיר, ר' יהודה, ר' שמעון,
ר' יוסי, און ר' אלעזר בן שמוע, — ווי באלד דער פיינד
האט עס דערשפירט — !.. זאגט זיי ר' יהודה:
„קינדער, לויפט!" — זאגען זיי איהם
— רבי, און מיט דיר וואס וועט זיין?
איך בלייב ליגען פאר זיי ווי אַ שטיין, וואס איז
שווער איהם צוריהרען פונ'ם ארט,
מען דערצעהלט, אז די פיינד האבען זיך ניט גערירט
פון דארט ביז זיי האבען אין איהם אריינגעשטאכען
דריי הונדערט אייזערנע שפיזען און איהם
געמאכט ווי אַ רעשעטע. וואס איז פול מיט לעכער

### אם יש את נפשך לדעת

אויב איהר ווילט זיך אונטערעסירען
פון יעדען איינעם, פון די עשרה הרוגי מלכות
וואס אַ חֵטא יעדערער איינער האט געהאט
אויף זיך, — און דער פאר איז אומגעקומען
על קדושת השם — — —
זייט אזוי גוט, און לייענט אדורך וואס עס
איז געשריבען אין דעם היסטארישען
פנקס, (כי מלא מליבי) איך האב דאס
ארויס גענומען פון גמרא'ס און מדרשים
געשריבען פון מיר אני הצעיר הקטן

**יחיאל בן מנחם מענדיל הכהן**
**הערמאן לעת עתה** אין פעפענה

תפארת ירושלים דראסלאנד
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND

תפארת ירושלים דראסלאנד
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND

# עשרה הרוגי מלכות

## רבי אלעזר בן שמוע,

דער נאך האט מען ארויסגעפירט. ר׳ אלעזר בן שמוען מען דערצעהלט, אז ער איז אלט געווען הונדערט פינף יאהר. און פון קינדוויס, ביז די לעצטע יאהרען זיינע, האט קיינער נישט געהערט, אז ער זאל ארויסלאזען א פוסט אדער אַ שלעכט ווארט פון זיין מויל: קיינמאל האט ער זיך מיט קיינעם נישט פערקריגט, געווען קליין ביי זיך אין די אויגען און זעהר בעשיידען. אכציג יאהר דורכאנאנד האט ער פערבראכט אין פאסטען.

דעם טאג וואס מ׳האט איהם ארויסגעפיהרט צו טויטען איז געווען יום כפור, קומען צו איהם די תלמידים אין פרעגען „רבי, וואס שטעלט זיך דיר איצט פאר? — מיר שטעלט זיך פאר — ענפערט ער — ווי מען טראגט ר׳ יהודה בן בבא׳ס מטה. און נעבען איהם עקיבא בן יוסף׳ס מטה. און זיי ביידע פיהרען צווישען זיך אַ וכוח איבער אַן הֲלָכָה. — —

ווער איז צווישען זיי דער מַאכְרִיעַ? — — — ישמעאל־כהן־גדול! און ווי ווער בלייבט? ווי עקיבא בן יוסף, ווייל ער האט אוועקגעלעגט אינגאנצען זיין כֹּחַ אויף דער תורה. —

האט דער־קיסר באפוילען איהם צו טויטען, לאזט זיך אַ בת־קול: וואויל איז דיר. ר׳ אליעזר בן שמוע, דו ביזט געווען א ריינער און די נשמה איז דיר ארויסגעגאנגען מיט „ריינקייט"

## רבי חנינא בן חכינאי

דער נאך האט מען ארויסגעפירט ר׳ חנינא בן חכינאי מען דערצעהלט אויף איהם, אז אלע זיינע יאהרען, פון צוועלף יאהר אָן, ביז פינף און ניינציג, האט ער פאבראכט אין תעניתים, — און דער טאג ווען מעהאט איהם ארויסגעפיהרט צו טויטען, איז געווען ערב שבת זאגען איהם די תלמידים: רבי, ווילסטו נישט פערז־אכען וואס, עס, איז פאר׳ן טויט? זאגט ער: ביז אהער האב איך אלץ געפאסט, און איצט. אז איך לאז מיך אין אזא וועג, הייסט איהר מיר עסען און טרונקען! — האט ער גענומען — — מקבל־שבת זיין און געזאגט „ויכלו" ביי׳ם ווארט „ויקדש" איידער ער האט עס נאך געענדיגט, איז מען איהם באפאלען און איהם געטויט. ——

האט זיך געלאזט הערען אַ בת קול: אז וויל איז דיר, ר׳ חנינא בן חכינאי, דו ביסט הייליג און דיין נשמה איז הייליג און ער איז געשטארבען מיט׳ן ווארט הייליג!...

## רבי ישבב הסופר

ווען מען האט ארויסגעפיהרט ר׳ ישבב הסופר צום טויטען, זאגען איהם די תלמידים: רבי, — וואס וועט זיין מיט דער תורה? — קינדער מיינע־ — ענטפערט ער — עס געהט אַ צייט אז די תורה וועט פארגעסען ווערען פון יודען, ווייל די מערדערשע אומה האט מיט גרויס חוצפא זיך זיך פורגענומען נישט אנדערש ווי צו פערניכטען דאס גאנצע ציערונגס אונזערס, די בעסטע און שעהנסטע פון אונז, הלואי וואלט מיין טויט, שוין געווען אַן אפקומעניש פאר׳ן גאנצען דור?

איך זעה אבער ארויס אז עס וועט נישט זיין אין גאס אין רוים, ווען עס זאל זיך ניט וואלגערען יודישע ביינער, ווייל די מערדערשע אומה וועט נאך פיעל אידעש בלוט אומשולדיג פערגיסען, וואס־זשע, האבען מיר צו טהון, רבי? — פרעגען איהם די תלמידים, — האלט זיך אַן פעסט איינער אין׳ם אנדערען, און ליעבט שלום, און גערעכטיגקייט, — אפשר איז נאך דא אַן האפנונג, ווענדעט זיך צו אים דער קיסר, און פרעגט איהם: — „זָקֵן, וויפיעל ביסטו אלט? — היינט ענטפערט ער — ווערט מיר ניינציג יאהר, איידער איך בין נאך ארויס פון מיין מוטער׳ס בויך, — איז שוין ארויס פון גאט די גְזֵירָה, אז איך מיט מיינע חברים זאלען איבערגעגיבען ווערען צו דיר אין האנד, איך וויס אבער, אז אינזער גאט וועט אונזער בלוט דיר נישט שענקען, — נעהמט גיך — — זאגט דער קיסר מיט שְׁפּאָט — און טויט אויך דעם דאזיגען, לַאמִיך זעהן די מאכט, און די שטארקייט פון זיין גאט מיטען. „שמע ישראל" אויף זיינע ליפען, האט מען גענומען און איהם פארברענט,

## רבי יהודה בן דָמָה

דער נאך האט מען ארויסגעפיהרט ר׳ יהודה בן דמה׳ן, דאס איז געווען אין ערב שבועות, בעט זיך ר׳ יהודה ביי׳ם קיסר „ביי דיין לעבען, לאז מיך אָפּ אויף איין ווילע, ביז איך וועל דעם הייליגען יום־טוב שבועות אויפנעהמען: נאך איינמאל לאז מיך גאט לויבען, פאר דער טייערער מַתָּנָה וואס ער האט אונז יודען אין דעם טאג געגעבען, פאר דער הייליגער תורה". — — —

## אליין אויף זיך אויסגעבעטען יסורים.

עס ווערד איך דערצעהלט אז ביים ענדע פון זיינע טעג איז נחום איש גמזו געווען בלינד אויף די אויגען, און פארקריפעלט אין זיינע הענד און פיס, און געלעגען איז ער דאן אין אַ צובראכענער הייזקע, וועלכע איז גרייט געווען איינצופאלען יעדע מינוט, – – –

און דאס גאנצע לייב זיינס איז געווען באדעקט מיט קרעץ די הייזקע איז אויך געווען פול מיט ווערים, און די פיס בעט זיינען געשטאנען אין בעקענס אנגעפילט מיט וואסער, כדי עס זאלען זיך נישט די ווערים קענען אריינחאפען צו איהם אין בעט אריין — !

האבען נחום'ס תלמידים געוואלט, איינמאל ארויס= =נעהמען זייער רבי'ן'ס בעט פון דער צובראכענער הייזקע, האט זיי נחום געזוגט, זיי זאלען צוערשט ארויסנעמען די כלים פון דער הייזקע, און ערשט דערנאך זאלען זיי איהם ארויסטראגען מיט'ן בעט, ווייל זיי קענען זיין זיכער, אז ווי לאנג ער וועט ליגען אינעווייניג אין דער הייזקע, וועט די נישט צוזאמענפאלען. עס איז אויך טאקי אזוי געשעהען, – אז אין דערזעלבער רגע, וואס זיי האבען ארויסגענומען נחום'ן מיט זיין בעט, איז די הייזקע צוזאמענגעפאלען, – – —

די תלמידים האבען דאן צו איהם געזאגט: — אזא גרויסער צדיק ווי דו ביזט, זאל האבען אזא ביטערן סוף.?... קינדערלעך! – האט ער זיי אויף דעם געענטפערט — איך האב מיר דאס עהרליך פארדינט, – אזוי איך בין איינמאל געגאנגען אין וועג צום הויז פון מיין שוועהר, און איך האב געהאט מיט מיר דריי אייזלען באלאדענע מיט עסען און טרינקען, איז צו מיר צוגעקומען אַן ארימאן און האט מיך געבעטען, איך זאל איהם עטוואס געבען, האב איך איהם געזאגט: "ווארט ביז איך וועל האבען אפגעלאדען פונ'ם אייזעל!"... אבער איידער איך האב נאך אוספייעט, אפצולאדען די זאכען פונ'ם אייזעל.! איז דער מענש אוועק געפאלען אַ טויטער, — געשטארבען פון הונגער, – האב איך מיך דאס מאל אליין פארשאלטען, אז מיינע אויגען, – – וועלכע האבען נישט געהאט קיין רחמנות אויף זיינע אויגען, זאלען בלינד ווערען, און אלע אברים מיינע, וועלכע האבען זיך נישט צוגעאיילט, צו געבען עסען צו דעם פארהונגערטען, זאלען פארקריפעלט ווערען.... – – –

תענית דף כא

## ארויס געשיטופט דעם שטן

אַ מאן מיט אַ ווייב זענען געווען: וואס דער שָטָן פלעגט זיי אנרייצען איינער אויפ'ן אנדערען, און אלע ערב שבת, פארנאכט פלעגען זיי זיך שטארק קריגען, טרעפט זיך אז ר' מאיר קומט אראפ אהין, אין זייער אָרט, אין הערט די קולת מיט קְלָלות, – האט ער זיי פרייטיג פאר נאכט, אפגעהאלטען פון מחלוקת. — ביז זיי זענען איגאנצען שלום געווארען, און עס איז ביי זיי געווארען אַ אמת'ר שלום בית. – האט ר' מאיר געהערט, דעם שָטָנ'ס קול, ווי ער שרייט: וועה! — ר' מאיר האט מיך פון מיין הויז ארויסגעשטיפט

## רבן שמעון בן גמליאל זאגט

ווער עס לערנט תורה אין זיין יוגענט, איז גלייך ווי אַ בחור נעמט אַ בתולה, וואו ביידע האבען נאך זייער יונגענדליך פייער. – ווארפט זי זיך אויף איהם אין ליעבע, און ער דריקט זי צו זיך אין ליעבע, — ווער עס לערנט אבער תורה אין זיין עלטער איז גלייך ווי אַן אלטער מאן נעמט אַ בתולה, ווי זי לאשטשעט זיך צו איהם אין ליעבע, און ער דערוויטערט זיך פון איהר – (זהע אבות דר' נתן פרק כ"ג)

## ניט אלעמאל איז חיים צום לעבען

אין דער אלטער היים האט אַ איד געוווינט אין אַ דאָרף, צווישען גוים, אזוי ווי ער האט געהייסען חיים, האבען איהם אלע שכנ'ישע גוים גערופען מיט אָט דעם נאמען. – האט דער ישובינק'ס זונדעלע, הערענדיג ווי אלע רופען זיין טאטען חיים, איהם אויך גערופען חיים. האט עס חיים'ען פארדראסען און אנשלאגעדיג זיין אינגל האט ער איהם הארב אנגעזאגט, אז ער זאל איהם ניט רופען חיים, נאר טאטע, – – אויף ימים נוראים זיינען זיי געקומען אין דערביי'איגען שטעטעל אריין, און אז עס איז געקומען צו "זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים. וכתבנו בספר החיים," האט דעם ישוב'ניק'ס אינגעל מורה געהאט צו זאגען ווי עס שטעהט אין מחזור אין געזאגט הויך אויפ'ן קול, זכרנו לטאטע, מלך חפץ באטאטע, וכתבנו בספר הטאטע.....

תפארת ירושלים
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND

# ר׳ נחום איש גמזו: איז געווען דער רב׳ פון ר׳ עקיבא

ר׳ נחום איש גמזו, געקומען איז ער פון דער שטעדטעל
גמזו אין מזרח זייט פון לוד, וועלכע ווערד דערמאנט
אין דברי הימים ב׳ (כ״ח י״ז), און אזוי ווי דער דאזיגער
נחום פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט געברויכען א ווערטעל.
״גם זו לטובה״, האט דער נאמען פון זיין שטעטעל געקראגען ביי איהם א דאפע=
=לטע באדייטונג, -- און ווען מען האט איהם גערופען ״איש גמזו״, האט דאס געקענט
מיינען, אז ער קומט פון דער שטעטעל גמזו, — אזוי ווערד דערצעהלט (אין תענית דף כ״א ע״א)
אז ביי יעדען געשעהעניש, וואס האט מיט איהם פאסירט, עס האט געמעגט זיין דאס ערנסטע,
האט ער שטענדיג געזאגט ״גם זו לטובה״, - האבען אידען איינמאל געדארפט שיקען א
מתנה צום קייזער, עפיס איז ער געווען אין כעס, און מען האט מורא געהאט פאר ״גזרות״, האט
מען איהם געוואלט מפייס זיין מיט א מתנה, האט מען אבער נישט געהאט, מיט וועמען צו
שיקען, וויל טאמער האט דער קייזער נישט געוואלט די מתנה אננעהמען, האט דער
שליח געדארפט באצאהלען מיט זיין לעבען, בלייבט אז מען זאל נחום איש גם זו שיקען,
וויל מיט איהם טרעפען זיך אפטע נסים, די אידען פון זיין שטאדט האבען דאן גענומען א
קעסטעלע און אנגעפילט עס מיט טייערסטע איידעלשטיינער און פעריל, צו ברענגען עס
צום קייזער, — געהענדיג אויף זיין וועג, איז נחום׳ן אויסגעקומען, צו נעכטיגען א איינפאהרהויז
פון גנבים, ביינאכט, אז ער איז איינגעשלאפען, האבען די הויז-לייט שטילערהייד געעפענעט
דאס קעסטעלע, ארויסגעגנב׳עט אלץ וואס דארט איז געווען, און עס אנגעשטאפט מיט ערד,
- מארגען פריה, אז ער האט דאס בעמערקט, - ! דאגט ער: ״גם זו לטובה,״ נעהמט דאס
קעסטעלע און געהט זיך זיין וועג ווייטער, - וויל ער איז געווען זיכער, אז דער אויבערשטער
וועט די ערד, אויסדרעהען צום גוטען, און דער קייזער וועט ביי איהם אננעהמען דאס זאמד,
אנשטאט די איידעלשטיינער און פעריל, -- אז מ׳האט דאס קעסטעלע געבראכט פאר׳ן קיסר
און עס געעפענט - דערזעהט מען — ס׳איז פול מיט זאמד, ווערד דער קיסר אויפגעבראכט
אין שטארק כעס אויף אידען; ״יודען זאגט ער. שפעטען פון מיר״ — און הייסט טויטען דעם
שליח, נחום איש גם זו בלייבט רוהיג און זאגט: ״גם זו לטובה״, דערווייל קומט אליהו
אינ׳ם געשטאלט פון איינעם פון דער אייגענער חבריא און זאגט: — מעגליך, די ערד איז פון דעם
געוויסען מין, וואס אברהם זייער עלטער-זיידע האט זיך מיט איהר בענוצט אין זיינע מלחמות,
און באוויזען וואונדערליכע גבורות: ווי נאר ער האט פון דער ערד געווארפען אויפ׳ן פיינד,
האט זי זיך באלד פערוואנדעלט אין שווערדען און פיילען, — איז דא א מדינה, וואס דער
קעניג האלט מלחמה מיט איהר, און קען זי ניט אייננעהמען, — נעהמט מען די זאמד און מען
פרובט זי אויס אויף יענער מדינה — האט זי געמוזט באלד אונטערגיבען; פיהרט מען
נחום איש גם זו, ארייין אין קעניגליכען שאץ-קאמער און מען לייגט איהם אן דאס קעסטעלע
זיינס פול מיט דימענטען און בריליאנטען, און מען לאזט איהם אפ מיט גרויס כבוד, — — —
צוריקוועגס האט ער זיך ווידער אפגעשטעלט נעכטיגען אין דעם אייגענעם גאסט-הויז, פרעגען
איהם די הויז-לייט: וואס האסטו אזוינס מיט זיך געבראכט, דעם קעניג, וואס מ׳האט
דיר אנגעטהון אזוי פיעל כבוד? - ענטפערט ער: וואס איך האב גענומען פון דאנען האב
איך געבראכט אהין,״ — ווי זיי האבען דאס דערהערט. — האבען זיי געכאפט אומגעלע=
=גט דאס הויז, און די גאנצע ערד פון דארט, גיך אוועקגעפיהרט צום קעניג, — — —
די וואונדערליכע ערד וואס יענער יוד האט געבראכט, אהער - זאגען זיי דעם קעניג — איז
גענומען געווארען ביי אונז, דא האבען מיר דיר געבראכט פון איהר א סאך, פולע קאסטענס
פרובט מען אויס די ערד, וואס זיי האבען געבראכט, לאזט זיך אויס אז ס׳איז נישט אזוי,
האט מען גלייך איבערגעגעבען זיי אלע צום טויט, —

תענית כ״א

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND

# חוני המעגל

חוני המעגל

איינער פון די הייליגסטע פערזאנען צווישען אונזערע תנאים, איז געווען חוני המעגל,
אומעטום וואו דער נאמען זיינער איז דערמאנט אין דער גמרא, — איז ער ארומגע=
=רינגעלט מיט לעגענדעס, איינע וואונדערליכער פון דער אנדערער, יעדער שריט
זיינער איז פול מיט "נסים ונפלאות" און ער ווערד געשילדערט ווי איינער, וואס כביכול
האט איהם געמוזט אלסדינג צוליעב טהון, (פון זיינע מאראלישע אויסשפרוכען איז
פארבליבען דאס ווערטעל "חברותא או מיתותא.") וועגען חוני המעגל'ס טויט דערצעלט
מען, אז ער איז דער'הרג'ט געווארען אין דער מלחמה צווישען די צוויי ברידער
הורקנוס און אריסטובול, די מלחמה איז געווען ביי די טויערען פון ירושלים, —
אין (גמרא : תענית דף כג.) ווערד וועגען חונים טויט אַן אנדערע מעשה דערצעהלט,
דארט הייסט עס, אז ער פלעגט תמיד האבען צער, וואס ער האט נישט
געקענט באגרייפען דעם זין פונ'ם פסוק, "בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים"
און ער פלעגט כסדר זאגען : איז דען מעגליך פאר אַ מענשען, ער זאל איינשלא=
=פען אויף זיבעציג יאהר, און ער זאל די גאנצע צייט האבען איין חלום. ? —
איז ער איינמאל געגאנגען אונטערוועגנס, און ער האט געטראפען, ווי איינער פלאנצט
באקסערן-בוים, זאל טראגען פירות צום עסען, האט ער געפרעגט דעם מאן, ווי לאנג
דארף מען ווארטען, אז מען זאל קענען עסען די באקסערען? נאך זיבעציג יאהר,
האט איהם חוני המעגל געפרעגט "ביזטו דען זיכער, אז דו וועסט לעבען זיבעציג
יאהר?" — האט איהם יענער מאן געענטפערט : — די גאנצע וועלט איז ווי אַ באקסערען
בוים, מיינע עלטערען האבען געפלאנצט פאר מיר, און איך טהו דאס פאר מיינע קינדער!
— זעצט זיך חוני אוועק, עפעס איבערבייסען, און זיין עזעל לאזט ער אפ פאסען זיך אין
פעלד, פאלט אויף איהם אָן אַ דרימעל און ער שלאפט איין, — וואקסט אויס ארום איהם
אַ פעלזען-שטיין, צו באדעקען זיין גוף פאר די אויגען פארבייגעהער — און ער איז דארטען
געשלאפען גאנצע זיבעציג יאהר, — ווען ער האט זיך דערנאך אויפגעכאפט פונ'ם שלאף, האט
געטראפען, ווי מענשען קלייבען די פירות פון יענעם באקסערען בוים. וועלכער איז פאר
פלאנץ געווארען, איידער חוני האט זיך אוועק-ש-געלעגט שלאפען, — האט חוני יענעם מאן
געפרעגט, — ביזטו דער מאן וועלכער האט דעם בוים געפלאנצט? — האט יענער מאן
געענטפערט : ניט איך בין דאס, ווייל יענער איז געווען מיין זיידע! — האט חוני איינגעזעהן
אז ער איז געשלאפען זיבעציג יאהר, — לאזט ער זיך צוריק אהיים, געקומען אין שטאדט
דרעהט ער זיך ארום און דערקענט זיי נישט : נייע גאסען, נייע מענשען, הויבט
ער אָן זיך נאכפרעגען : זאגט מיר, וואו וואוינט דא חוני-מעגל'ס זוהן? ענטפערט
מען איהם : אז זיין זוהן איז שוין לאנג אויף דער וועלט ניט דא, אפשר אַן איניקעל,
האט ער געזאגט "איך בין חוני!:" האט מען דאס איהם ניט געוואלט גלויבען,
איז ער געגאנגען אין בית-המדרש, וואו ער האט געהערט, ווי איינער פון די חכמים
נאכזאגען זיינע אויסטייטשונגען פון דער תורה, און ער האט געהערט, ווי איינער זאגט
צום אנדערען : ווי נעמט מען היינט אַ חוני המעגל, וועלכער פלעגט אמאל פארענט=
=פערען יעדע הארבע קשיא? — האט ער געזאגט : "איך בין חוני המעגל!:" האט מען
ניט געוואלט גלויבען. און מען האט איהם ניט אפגעגעבען דעם געהעריגען כבוד,
האט דאס איהם זעהר געקרענקט און ער האט כסדר געזוגט, ווען איך האב נישט
מעהר מיין געזעלשאפטליכקייט פון פריהער, איז מיר שוין ליבער דער טויט!....

## או חברותא, או מיתותא

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND